STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08303

HEZBM HA-NEFESH

Nechemia Lipschutz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חשבון הנפש

לידער פון דעם אומפארגעסליכן
דיכטער און דענקער
נחמיה ליפשיץ ז"ל
(תרמ"ט — תשי"ד)

ארויסגעגעבן פון
ליפשיץ בוך קאָמיטעט
ניו יאָרק — גלייס ביי

נחמיה ליפשיץ, אלס יונגער פּאָעט אין ניו־יאָרק
געצייכנט פון זיין אייניקל אילנה
(נאָווא סקאָשיא, קאנאדע)

נחמיה ליפשיץ ז״ל

(1889־1954)

(אַ קורצע ביאָגראַפיע)

געבוירן אין פינסק — אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע אַלס 17־יאָריקער בחור׳ל. דעביוטירט מיט זיין פּאָעמע „אידיליע״ אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע״ — אויך געדרוקט לידער אין „פאָרווערטס״.

קערט זיך אים צוריק קיין רוסלאנד — דינט פּאַניען, און אין 1914 ווערט ער געשיקט אַלס סאָלדאַט אין דער רוסישער אַרמיי צו קעמפן קעגן די יונקערס. ווערט גענומען אין געפאַנגענשאַפט און ווערט געמאַטערט כמעט פיר־יאָר אין אַ דייטשן קריגס־לאַגער. די דייטשן אַנערקענען זיין שפּראַכן קענטשאַפט — און באַשטימען אים אַלס איבערזעצער. דאָס ראַטעוועט זיין לעבן.

אין 1918 קערט ער זיך אים קיין פּינסק — און ווערט פאַרכאַפּט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער קעמפט ווידער — דאָסמאָל פאַר אַ שטיקל טרוקן ברויט — צוליב דעם גרויזאַמען הונגער וואָס האָט דאַמאָלסט געהערשט.

ווען פוילן ווערט אַ מלוכה הייראַט ער מיט אַ טאָכטער פון אַ סטאָלינער חסיד — די בת יחידה פון דוב בער און חיה ביילע בעגון — פון טעלעכאַן. נחמיה און יענטל באַזעצן זיך אין פּינסק. דער אַלמעכטיגער באַשענקט זיי מיט אַ בן־יחיד נח.

נחמיה עפנט אַ קליין בוכגעשעפט. די פּוילישע מאַכט פאָדערט וואָס מער שטייערן. ער ווערט געצוואונגען צומאַכן דאָס קרעמל. קורץ נאָכדעם ווערט ער איינגעלאַדן צו אָננעמען אַ שטעלע — אַלס לערער פון ענגליש — מיט דער תל־חי שולע. ער ווערט אויך באַשטימט אַלס לערער פון דער ענגלישער שפּראַך פון דער מדרשה תרבות אויך פון דער תרבות גימנאַזיע.

שפּעטער ווערט ער אַ פּריוואַטער לערער און ציט פון דעם דעם חיונה — באַ אים לערנען זיך די וועלכע האָפן צו עמיגרירן אין ענגליש־שפּרעכנדע לענדער, צ. בּ. קאַנאַדע, די פאַראייניגטע־שטאַטן, ענגלאנד, אויסטראַליע, אונזער אידיש היימלאַנד און דרום־אַפריקע. די פּרויען און טעכטער פון פּראָמינענטע פינסקער דאָקטוירים פאַרפולקאָמען זיך באַ אים אין דער ענגלישער שפּראַך.

די רעדאַקטאָרן פון פינסקער אידישע צייטונגען שאַצן אָפּ זיינע פייאיקייטן אַלס שרייבער און דיכטער און לאַדן אים איין צו באַטייליגן זיך אין זייערע אויסגאַבעס. ער הויבט אָן דרוקן זיינע דערפאָלגרייכע לידער אין פאַרשידענע אידישע וואָכנבלעטער — ווי אויך אַ סעריע פון זיינע ערפאַרונגען אין דער ערשטער וועלט מלחמה — א. נ. „דורך פאַראומערטע וועגן" און אַ צווייטע סעריע מעמוארן פון אַ פינסקער קריגס־געפאַנגענעם — א. נ. „פיר יאָר אין דייטשער קריגס־געפאַנגענש־אַפט", ער ווערט אויך דער פּאַקטישער רעדאַקטאָר פון עטליכע אידישע צייטונגען — און העלפט אַרויס פילע אידישע טאַלאַנטן צו שטעלן זייערע ערשטע טריט אין דער אידישער ליטעראַטור.

איינער פון זיינע באַרימסטע פארערער איז געווען דער גאון הדור און מחבר פון פיל ספרים — דער חשובער פינסקער לאַנדסמאַן הרב ברוך הלוי עפּשטיין זצ"ל.

ווען היטלער ימ"ש קומט צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד — באַשליסט נחמיה צו פאַרלאָזן די פאַרשאָלטענע ערד פון אייראָפּע. אין 1935 נעמט ער אָן אַ פאָרשלאַג פון זיין פרוי'ס ברודער אין קאַנאַדע (ה' משה בעגון) אין פעקלט זיך אַריבער מיט פרוי און קינד לעבר הים. די קליינע משפּחה געפינט אַ היים אין דער פּראָווינץ נאָווא סקאָשיא.

נחמיה זעצט פאָר זיין ליטעראַרישע קאַריערע — אויף דעם אַמעריקאַנעם קאָנטינענט. גאָר נישט קיין קליינע שוועריקייטן שטייען אין וועג. צייטנווייז איז ער אַנטוישט — זיינע לידער אָבער דרוקן זיך אין „קענעדער אַדלער" — אין דעם זשורנאַל „דער אַמעריקאַנער" און נאָך זיין טויט אויך אין דעם „אַלגעמיינעם זשורנאַל". ער העלפט זיין זון צו

עטאַבלירן אַ מאָנאַטליכן זשורנאַל אין ענגליש — און שרייבט אויף פּאָליטישע טעמעס. אויך דרוקט ער זיך אין דער ענגלישער טעגליכער פּרעסע פון דעם ראַיאָן — און ווערט באַוווסט אַלס באַגאַבטער זשורנאַליסט און שריפטשטעלער.

נחמיה ליפשיץ האָט זיך אויף פאַרדינט אַ נאָמען אַלס איבערזעצער און מוזיקער. אין דער אַלטער היים פלעגט ער איבערזעצן אמת׳ע געשיכטן פון ענגליש אויף אידיש — און איבערהויפּט אידישע פּרויען פלעגן לעקן די פינגער פון זיינע ראָמאַנטישע דערציילונגען . . .

אין דער רוסישער אַרמיי האָט נחמיה זיך אויסגעצייכנט אַלס מוזיקער — געשפּילט אויף זיין פלייט און געשריבן מוזיק פאַר דעם אָרקעסטער.

שפּעטער האָט ער געשפּילט פאַר די מאָטעלער אידן — און זיך באַרימט געמאַכט אַלס טאַלאַנטפולער פידלער. ער האָט געהאָלפן זיין אינגערן ברודער מישא צו שטעלן זיינע ערשטע טריט אין דער מוזיקאַלישער פּראָפעסיע און האָט אים באַווירקט צו אָנשליסן זיך אין דער קאָנסערוואַטאָריע פון סט.־פּעטערסבורג.

נחמיה איז געשטאָרבן אין גלייס־ביי, נאָוואַ סקאָשיאַ — און געפונען זיין לעצטע רו אויף דעם דאָרטיגן בית־עולם. ערע זיין אָנדענקען!

פון אברהם יאָאַכימאָוויטש

גערווידמעט דעם אָנדענק פון דיכטער
נחמיה ליפשיץ ז״ל

אמת . . .

אַלע זוכן זיי דיך, אמת,
ז׳מיינען האָסט פיל געשטאַלטן.
טיילמאָל ביסטו אַ רמז,
נאָר אָפט ביסטו באַהאַלטן . . .

טייל ווילן דיך אויסטייטשן,
פון דיר ווילן זיי זיך לערנען.
דערלאַנגסט דו זיי גאָר בייטשן,
נעמען זיי אויף דיר צערענען.

דו לאָזט זיך נישט פאַרבייטן
מיט אַ מין וואָס איז שקר,
ווייל דו אַליין ביסט איינער . . .

מ׳רעדט פון דיר צווישן לייטן,
אַז ד׳ביסט נישט קיין פאַרדעקער,
מ׳ציטערט פאַר דיינע ציינער . . .

נחמיה ליפשיץ

א טרער. . .

(אויפן פרישן קבר פון מיין ברודער וואָלפקע)

אין דעם לאנד, ווו די פאמפאס זיך רחבות׳דיק שפרייטן
און ס׳שלומערן פעלדער אין טראָפּישער גלוט —
דאָרט האָב איך א ברודער איצט ליגן, א טויטן,
א טייערן ברודער פון אייגענעם בלוט. . .

דאָרט שלומערט א בערגל, א ליב־טייער בערגל,
ווו ס׳ווערט איצט צעוואלגערט מיין ברודער׳ס געביין. . .
ווי גוט וואָלט געווען, ווען איך קאָן אזוי וויינען,
אז ס׳זאָל אזש דערגרייכן אהין מיין געוויין. . .

זיי, ברודערל, מוחל, פאר טויזנטער מיילן,
זיי מוחל, ווען ס׳קייקלט אראָפּ זיך א טרער. . .
אין ווילד־פרעמדן זוניקן לאנד ארגענטינא,
זאָל, ברודערל, דיר דאָרט די ערד נישט זיין שווער!

האָסט געוואָלט צו אונז קומען, זיך זען פארן שטארבן,
געגארט אלץ דערציילן, וואָס ווי דיר עס טוט. . .
האָסט שטארק זיך געשראָקן אן עלנטער ליגן
און רוען געוואָלט, ווו דיין מאמע עס רוט. . .

האָסטו אָבער, ברודערל, שוין נישט באוויזן. . .
און ליגסט איצט אן עלנטער, ווו אויף א פעלד. . .
צי האָט ווער א ווארעמע טרער געלאָזט פאלן,
צי האָט ווער דיר דאָרט א מצבה געשטעלט?. . .

אין דעם לאנד, ווו די פאמפאס זיך רחבות׳דיק שפרייטן
און ס׳שלומערן פעלדער אין טראָפּישער גלוט —
דאָרט שלומערט א בערגל, אַ ליב־טייער בערגל,
און אונטער דעם בערגל — מיין ברודער דאָרט רוט. . .

שלאָף, ברודערל, רואיק, און רו זיך אין פרידן. . .
זאָל קיינמאָל דיר דאָרטן די ערד נישט זיין שווער. . .
זיי, ברודערל, מוחל, פאר טויזנטער מיילן,
זיי מוחל דיין ברודער, ווען ס׳פאלט זיינס א טרער!. . .

1934

א נאכט פון ליבע

אין דרויסן דער ווינט האָט געיאָמערט, געוויינט —
ווער ווייס, וואָס ער האָט מיט דעם דאמאָלסט געמיינט!...
ווער ווייס, אפשר האָט ער געוווסט שוין באשייד,
וואָס ס׳איז אינם לעבן פאר מיר אָנגעגרייט...

פארזונקען אין שלאָף איז געלעגן די גאס...
דער ווינט האָט די לאָדן געריסן פון כעס...
עס איז אין איין שטוב בלויז דאן ליכטיק געווען:
דאָס האט מען געקאָנט דורך די לאָדן גוט זען...

דאָס בין איך געזעסן מיט איר זאלבענאנד —
געטראכט פון א ווייטן און גליקלעכן לאנד...
מיט רייפנדן בעזש האָט איר קערפער געשמעקט
און האָט צו גענוס מיר גערופן, געוועקט...

געוויינט האָט אין דרויסן, געיאָמערט דער ווינט —
זי האָט זיך געטוליעט צו מיר ווי א קינד,
מיט שטורמישער ליבע און גרעניצלאָזן דראנג,
און גרייט צו דערפילן מיין יעדן פארלאנג...

און פונקט ווי א בין עסט זיך איין אין א קווייט —
פארצערן אין גאנצן איר זיסקייט איז גרייט —
אזוי האָב איך אויך אירע ליפּן — ווי גוט —
געזויגן אָן אויפהער, געביסן ביז בלוט...

און ס׳זענען די שעה׳ן געפלויגן געשווינד,
געפלויגן אזוי ווי אויף פליגלען פון ווינט...
די נאכט איז פארשוואונדן, די נאכט איז אוועק —
דאָך גיט זי, אויך היינט נאָך, א זין מיינע טעג...

און הער איך אמאָל זיך צעוויינען דעם ווינט —
א האנט א געהיימע מיט איר מיר פארבינדט:
איך לעב אלץ דורך ווידער און ס׳טוט אזוי באנג. . .
עס לעבט פון דאָס ניי אויף א טויטער פארלאנג. . .
פינסק, 1933 ,23 1

א רואיק ווינקעלע...

כ׳וואָלט וועלן אַ ווינקעלע ערגעץ געפינען,
ווו רואיק מיין ברויט איך זאָל קאָנען פאַרדינען...
מיר אַרט ניט אַ ווו, און אין וואָס פאַר אַ לאַנד —
אויב ס׳הערשט איבער אַלץ דאָרט דער ריינער פאַרשטאַנד —

ווו פרידלעך עס אַרבעטן מענטשן און שאַפן,
און טראַכטן נישט קיינמאָל פון קריג און פון וואַפן —
דאָרט אויפגעקלאַפּט וואָלט איך פאַר מיר אַ געצעלט,
וואָס זאָל מיר באַשיצן פון שטורם און קעלט...

כ׳וואָלט וועלן אַ ווינקעלע ערגעץ געפינען,
ווו ס׳זאָלן זיך מענטשן ניט האַסן ווי שפּינען...
כ׳וואָלט וועלן אין לעבן אַ ביסעלע פרייד,
ווייל קורץ איז דאָס לעבן און בליץ־שנעל פאַרגייט...

גענוג נע־ונד שוין געוועזן אינם לעבן...
גענוג אויך דער פינסטערניש כוחות געגעבן...
גענוג שוין געבראָדזשעט אין מענטשלעכן בלוט...
גענוג אויך זיך אָנגעהערט פייפן דעם קנוט...

כ׳וואָלט וועלן אַ ווינקעלע ערגעץ געפינען,
ווו ס׳זאָלן זיך מענטשן איינאַנדער פאַרגינען —
ווו ס׳אַרבעטן אַלע זיך רואיק און שטיל
און פריידנספול גייען געמיינזאַם צום ציל —

דאָרט וואָלט איך דערלעבן געוואָלט מיינע יאָרן,
געפונען אַ טייל, וואָס אין לעבן פאַרלאָרן —
אַ שטיבעלע אויסגעבויט ערגעץ אין פעלד,
וואָס זאָל מיר באַשיצן פון שטורם און קעלט...

כ׳וואָלט וועלן אַ ווינקעלע ערגעץ געפינען,
ווו רואיק מיין ברויט איך זאָל קאָנען פאַרדינען. . .
איך פרעג ניט א ווו, און אין וואָס פאַר אַ לאַנד,
אויב ס׳וועט מיר נאָר פירן אַ ערלעכע האַנט. . .

פינסק 1933 ,30 1

אַ שניי־שטורם

עס האָבן די קראָען געוואָרנט דעם וואַלד:
אַ שניי־שטורם נאָנט איז, וועט אויסברעכן באַלד...
און גלייך האָבן בוימער צעוויגט זיך, צערעדט —
און פרום זיך צעשאָקלט, ווי בעת אַ געבעט...

דערנאָך האָט ווער, ערגעץ, געגעבן אַ פייף —
ווי זאָגן דערמיט וואָלט: ס׳איז גרייט אַלץ און רייף...
און פעדערלעך ווייסע, גאַנץ הויך, אין דער לופט,
אומזיסט אויף דער ערד האָבן פאַלן געפרוווט...

עס האָבן זיך אויסגעמישט הימל מיט ערד
און ס׳האָט זיך אַ יאָמער, אַ מאָדנער, דערהערט...
עס האָבן זיך הינט, ווי צעבילט אומעטום...
און באַלד איז מיט איינמאָל געוואָרן אַלץ שטום...

דערנאָך זענען שדים, אין ווילדן גאַלאָפּ,
געפלויגן, האַלז ברעכנדיק, העט, באַרג־אַראָפּ...
און האָבן געפויקט, און געפייפט אָן אַ סוף,
און שליאַכן פאַרשאָטן מיט קלאָר־ווייסן שטאָף...

און האָבן פאַר באַנען די וועגן פאַרשטעלט —
געשטערט דעם קאָנטאַקט מיט דער אויסערער וועלט...
און ווו נאָר אַ טעלעגראַף־סלופּ, און א פלויט —
צעשליידערט, צעריסן, אויף וועגן צעזייט...

און מאַכטלאָז געווען זענען מענטשן, און קליין,
און האָבן פון צאָרן געקריצט מיט די ציין...
און האָבן קיין עצה געפינען געקענט:
עס האָבן זיי אויפגעהערט דינען די הענט...

און ווילד האָט, ווו ערגעץ, אַ לץ זיך צעלאַכט —
כי־כי און כאַ־כאַ אין דער פינסטערער נאַכט —
ווי ער וואָלט געחוזקט, געטריבן געשפּעט —
געיובלט פון זיג אין דעם כוחות געוועט. . .

פינסק, 1933 ,15 1

אויף עלטערע יאָרן...

אויף עלטערע יאָרן, ווען מוט שוין פאַרפעלט
און שטייסט מיט איין פוס שוין אָט דאָ, אויף דער וועלט,
און אויסגעלאַכט ווערסטו פון יונגערן דור —
ווי טוט מען אהין זיך די לעצטע פאָר יאָר?...

און גערן וואָלט איך ערגעץ ווו, אין אַ העק,
פאַרברייננגען די עלטערער יאָרן אַוועק...
ווייל רו איז דאָס איינציקע, וואָס איך באַגער,
ווען כ׳רייס מיט דער וועלט איבער יעדן פאַרקער...

אַ ליולקע מיט טאַבאַק און ברויט צו דער זעט —
וואָס דאַרף אויף דער עלטער נאָך מער אַ פּאָעט?...
אַ בוים פאַרן פענסטער — אַ פויגל וואָס טרעלט —
וואָס זוכט דען אַ דיכטער נאָך מער אין דער וועלט?...

אין ווינטער, ווען ס׳הוליען זאווייען אין פעלד —
באשיצט מיר, אָ, הימלען, פון נויט און פון קעלט...
אין שטורמ׳ס געיאָמער, אין שטורמ׳ס געוויין —
דאַן וועל איך מיין גורל באַנעמען, פאַרשטיין...

און טראַכטן וועל איך דאַן אַ סך, גאָר אַ סך
און זיין אין דער ווינטער־נאַכט לאַנג אויף דער וואַך...
כ׳האָב ליב אים דעם שטורם, וואָס רייסט זיך פון צוים...
ווי גוט איז דאַן האָבן אַ וואַרעמע היים!...

אויף עלטערע יאָרן, ווען מוט שוין פאַרפעלט
און שטייסט מיט איין פוס שוין אָט דאָ, אויף דער וועלט,
און אויסגעלאַכט ווערסטו פון יינגערן דור —
ווו טוט מען אַהין זיך די לעצטע פאָר יאָר?

אידיליע

צופעליג וויל איך מיין ליבסטער געפינען. . .
כ׳וויל אין אַ גאָלדענעם זומער פאַרנאַכט
טרעפן זי ערגעץ אַלייץ אין אַ וועלדל —
טיף אויף די בלוי־מילדע הימלען פאַרטראַכט. . .

כ׳וועל צו איר צוגיין, אָן פּניות דערקלערן:
כ׳זוך דיר שוין, קינד, אין דער וועלט לאַנג אַרום. . .
און וועל איר אַלס צייכן פון הייליקער ליבע
אין בוזים פאַרשטעקן אַ הערלעכע בלום. . .

און לאַנג אירע זאַפטיקע ליפּן וועל זויגן —
און זינגען אַ ליד איר פון ליבע און גליק. . .
און קינדעריש וועלן דאַן זיין אירע אויגן. . .
און פרעגנד צו מיר וועט געווענדט זיין איר בליק. . .

און צוטוליען וועט זיך די נאַכט צו אונז ליבליך —
און וועט אויף אונז וואַרפן דורך כּישוף אַ שלאָף. . .
און שטאַרקער וועל איך מיין געליבטער דאַן דריקן —
און טרינקען דעם בעכער פון גליק ביזן סוף. . .

(געדרוקט אין „פרייע אַרבעטער שטימע״, ניו־יאָרק)

אלול

אַן אומעט אויף פעלדער צולייגט האָט זיך ברייט —
אַ הימל אַ גרויער האָט ווייט זיך פאַרשפרייט. . .
עס טוליען זיך גראָזן פאַרוועלקטע צו ד׳רערד,
פון נעפּל אין קאַלטע באַגינענס פאַרצערט. . .

עס ליגן אין טרויער די שליאַכן געהילט —
זיי האָבן דעם אָטעם פון האַרבסט שוין דערפילט. . .
און אלול׳דיק האָט זיך צוזונגען דער ווינט —
אזוי ווי אַ היימלאָז־פאַרוואָגלטע קינד. . .

עס ציען זיך וואָלקנס — מ׳זעט ניט קיין ברעג. . .
די נעכט ווערן גרעסער און קלענער די טעג. . .
אַ דראָבנענקער רעגעלע טריפט זיך און טריפט —
אין אָרעמע הייזער דעם אומעט פאַרטיפט. . .

און ס׳האָבן זיך שופרות אין שולן צושאַלט,
ווי יאוש־סיגנאַלן פאַר פעלד און פאַר וואַלד. . .
און ס׳האָבן זיך יידעלעך פרומע דערמאָנט —
אַז ס׳איז דער אַלוועלטלעכער משפט שוין נאָנט. . .

אין גרויע באַגינענס, ווען ס׳שלאָפט נאָך די שטאָט,
שוין לויפן זיי בעטן און שרייען צו גאָט. . .
דערוואַרטן מיט פחד דעם גרויסען „פראָצעס״
און וואַרטן פון „אויבן״ געשען זאָל אַ נס. . .

אויף הייליקע ערטער, אין פינסטערער ערד —
פון אייביקן שלאָף ווערן טויטע געשטערט. . .
עס וויינען דאָרט מענטשן — אַ ביטער געוויין —
און בעטן אַ זכות באַ אַן עלענטן שטיין. . .
און רואיק בין איך אין די דאָזיקע טעג:

ווייל ריין בין איך — גאָר קיין עבירות פאַרמעג. . .
און ס׳ווייס מיין פאַרלאַנג אויך פון הימל דער האַר. . .
און כ׳בין טאַקע שטענדיק אים דאַנקבאַר דערפאַר. . .

פינסק, 1932 ,9 3

אלול-מעלאָדיען

עס פוילט זיך די זון שוין צו אויפשטיין גאַנץ פרי
און געגעצט דורך וואָלקנס אַ שטראַל אויס מיט מי. . .
עס קוקן די פעלדער אויס ווי נאָך אַ שלאַכט —
און ס׳שלוכצן די פייגל דורך סוף זומער נאַכט. . .

עס קלייבן זיך שוין די באָטשאַנעס אין וועג. . .
זיי פליען צום דרום פון אונז באַלד אַוועק. . .
ווי כ׳בין אייך מקנא געפליגלטע געסט. . .
ווי שנעל איר פון ס׳ניי בויט זיך אויס אייער נעסט. . .

איר דאַרפט נישט קיין וויזעס. . . און וווּ נאָר איר צילט
אין וועלכן נאָר לאַנד אייך זיך פליען פאַרווילט —
איר הויך, אונטער וואָלקנס, הויבט אויף זיך און פליט,
אַהין צו דעם לאַנד, וווּ עס גרינט ערשט און בליט. . .

ווי כ׳בין אייך מקנא, געפליגלטע געסט,
וואָס איר וועט נישט וויסן פון שנייען און פרעסט. . .
ווי גערן געוואָלט וואָלט איך פליען אַהין,
וווּ ס׳הויבן אָן פעלדער ערשט ווערן נאָך גרין. . .

נאָר מיר דאַרפן וויזעס, מיר שעפער פון רעכט. . .
עס איז אונז וווּ בעסער צו זוכן פאַרווערט!. . .
מיר מוזן דאָ בלייבן, סיי גוט און סיי שלעכט. . .
אונז איז שוין צו שטאַרבן ווייזט אויס דאָ באַשערט. . .

עס האָבן זיך לענדער פאַרריגלט, פאַרמאַכט,
אַ סימן — ס׳וועט לאַנג נאָך זיך ציען די נאַכט!. . .
די וועלט האָט פאַרריגלט, פאַרשלאָסן זיך פעסט. . .
ווי כ׳בין איך מקנא געפליגלטע געסט!. . .

פינסק, 1933 ,21 8

אַנטוישונג

אויסגעשטערנט בלוי דער הימל —
און די לבנה אויף דער וואַך,
זשאַבּעס קוואָקען אין די לאָנקעס,
העט, דאָרט, זילבּערט זיך אַ שליאַך.

לינקס און רעכטס צעגרינטע פעלדער,
זאַנגען סוד׳ען זיך — שאַ, שטיל;
און פון סטאוו, וואָס בּיי דעם וועלדל,
רופט צום טאַקט זיך אָפּ אַ גריל.

אין די נעכט, פון גאָט־געבּענטשטע —
לאָז איך מיט דעם שליאַך זיך גיין —
אפשר וועל איך זי דאָרט טרעפן,
וואַנדערנדיק גאַנץ אַליין.

טאָמער וועט זי דאָרטן קומען —
ס׳וועט אַ צי טאָן איר אַהער, —
ס׳האָט מסתמא דאָך דאָס מיידל,
פונקט ווי איך, אַזאַ בּאַגער...

אָבּער ס׳קומט אַהער נישט קיינער:
ליבּע זוכט נישט היינט קיין פעלד...
ליבּע נעסטלט צווישן שטיינער —
איז צו קריגן נאָר פאַר געלט...

ליבּע חוזקט פון בּטלנים,
וועלכע טרוימען נאָך פון וואַלד...
ליבּע נעסטלט אין האָטעלן —
טרעט מיט חוצפּה אויף אספאַלט...

און אַ היים, אַ טיף אנטוישטער,
גיי איך מיטן זעלבן וועג. . .
שלעפּ זיך צו דעם דושנעם שטיבל,
ווו עס שטארבן מיינע טעג. . .

פּינסק, 1933 ,6

אַפּריל

פון יעדן בוים, פון יעדן קשאַק און יעדן גרעזל —
איצט ווינקט אַרויס אַ גרויסער און אַ טיפער סוד;
אַ סוד, וואָס ליגט אין זיי פאַרבאָרגן מקדמונים,
זינט אין זיין גאַנצער גרויס עס האָט אַנטפּלעקט זיך גאָט. . .

און פרעכטיק־שיין איז אַלץ אין צושטאַנד פון דערוואַכטונג,
ווייל אומשטערבלעך עס איז די האָפענונג און שיין;
ווייל — ס׳איז די האָפענונג, וואָס גיט אונז מוט אין לעבן,
ווייל — ס׳איז די האָפענונג, וואָס לויטער איז און ריין. . .

ווי שיין איז יעדע זאַך אין צושטאַנד פונם ווערן,
נאָך איידער ס׳בלעטעלע פון קנאָספּ עס שיילט זיך אויס;
ווען פויגל אויף די בוימער קושן זיך און ראָמאַנסירן,
פאַרהאָרעוועט זענען מיטן בויען זיך אַ הויז. . .

און אָן אַ גרענעץ ליב האָב איך דעם ערב־פרילינג,
וואָס פילט די הערצער אָן מיט האָפענונג און פרייד;
אַ פרייד, וואָס עפנט אויף די ווייטסטע האָריזאָנטן,
אַ פרייד, וואָס זעלטן ווער זי אָפּשאַצן פאַרשטייט. . .

פון יעדן בוים, פון יעדן קשאַק און יעדן גרעזל
איצט קוקט אַרויס אַ גרויסער און טיפער סוד;
אַ סוד, וואָס ליגט אין זיי פאַרבאָרגן מקדמונים,
זינט אין זיין גאַנצער גרויס עס האָט אַנטפּלעקט זיך גאָט.

ביידלעך

עס האָבן זיך מענטשן פאַרמאָסטן צו פיל
און איינגעשפּאַנט מאַמע־נאַטור פאַר דעם ציל...
און דראַפּען זיך אַזש אין דעם וואָלקן־רייך שוין...
און אָדלערס־גלייך ווילן דאָרט בויען אַ היים...

צו ענג איז דעם מענטשן געוואָרן די ערד...
דער טייוול די רו האָט דעם מענטשן פאַרווערט...
און אָט, אין דעם דאָזיקן שדים־גאַלאָפּ,
אינגאַנצן פאַרלאָרן דער מענטש האָט זיין קאָפּ...

און נישטיק זעט אויס אים דער גרויסער פאַרנעם...
און קען זיך קיין עצה ניט געבן מיט דעם...
עס האָט אויך דער ווילדער טייוולאָנים־געיעג
קיין גליק ניט געבראַכט זיינע עלנטע טעג...

עס יאָגן מיט אימפּעט מיליאָנען מאַשינען;
און באַנען צוטראָגן די שפע פון לאַנד...
עס זשומען מאָטאָרן אַזוי ווי די בינען...
עס רעשט אָן אַן אויפהער און ברויזט נאָכאַנאַנד...

פאַרוואָס אָבער גייען אום מענטשן פאַראומערט,
ווען ס'איז פון כל טוב אַזאַ שפע פאַראַן?...
פאַרוואָס עפּעס האָבן נישט מענטשן צו עסן,
ווען ס'ווערן די תבואות געשליידערט אין ים?...

פאַרוואָס זענען מענטשן איצט טויב גאָר געוואָרן,
ווען כוואַליעס צוטראָגן פון עק וועלט אַ קול?...
פאַרוואָס גייען מענטשן אום נאַקעט און באָרוועס,
ווען ס'וואַלגערן סחורות זיך אום אָן אַ צאָל?...

דערציילט די געשיכטע: פאַר טויזנטער יאָרן,
ווען ס'האָבן די אָבות איןביידלעך געוווינט;
ווען ס'האָבן זיך פעלדער אין ווייטקייט פאַרלאָרן
און ס'האָבן די מענטשן די ערד נאָך באַשיינט —

אַז . . . ס'האָבן די מענטשן געהאַט וואָס צו עסן. . .
און האָבן פון פרייהייט און יושר געוווסט. . .
און האָבן דעם מיט־מענטשן אויך ניט פאַרגעסן. . .
און קיינמאָל צום לעבן פאַרלאָרן די לוסט. . .

פאַרבענקט זיך מיר אָפט נאָך די גאָלדענע צייטן,
ווען אומשולדיק, יונג נאָך, געווען איז די וועלט —
נאָך העט, יענעם טייערן עבר דעם ווייטן,
מיט ביידלעך אויף פרידלעכע פעלדער צעשטעלט. . .

פינסק, 1932 ,16 10

בין השמשות

גאַנץ ווייט ערגעץ גלאָקן זיך טרויעריק פאַרגייען
און ס׳הויבן אָן פעלדער זיך טונקעלער גרויען. . .
עס איילן זיך אָנציען פייגל אַ היים —
עס לויערט די נאַכט שוין אויף בוימל און בוים. . .

די זון איז פאַרגאַנגען, דער טאָג איז אַוועק,
עס שלעפּט זיך אַ בעטלער דאָרט, העט, מיטן וועג. . .
ער שלעפּט זיך אַהיים, צו זיין עלנטן נעסט,
ווו ער, אין זיין שלומער, דעם עלנט פאַרגעסט. . .

און טונקעלער קליידן זיך פעלדער אַלץ אָן. . .
פון אונטערן וואַלד, אויף אַ טיף־בלויען פאָן
גייט אויף די לבנה — איר פאָסטן באַטרעט. . .
עס קלינגען די גלאָקן צום אָוונט־געבעט. . .

און ס׳שלייכן זיך שאָטנס אין קירכע אַריין —
זיי גייען דערטרינקען דעם ווייטאָק און פיין
אין האַרציקע תפילות, צום הימלישן האַר —
און ביינקען, און האָפן, און וואַרטן אויף שכר. . .

גאַנץ ווייט ערגעץ גלאָקן זיך טרויריק פאַרגייען
און ס׳הויבן אָן פעלדער זיך טונקעלער גרויען. . .
עס איילן זיך אָנציען פייגל אַ היים —
עס לויערט די נאַכט שוין אויף בוימל און בוים. . .

פינסק, 1933 ,7 8

בלאָנקע אום איך. . .

בלאָנקע אום איך אין די גאַסן —
מיש זיך אויס מיט מענטשן־מאַסן,
וואָס־זשע האָב איך אַזוי מורא,
ווען פון אויבן וואַכט דער בורא?. . .
קאָן דען ווער מיין רעכט באַרויבן?
ס׳האָבן מענטשן דאָך אַ גלויבן!. . .
וואָס־זשע ציטער איך אַזוי —
ווו איך גיי און ווו איך שטיי?. . .

מענטשן זענען אַזוי העפלעך —
ריידן אַזוי שיין און טרעפלעך. . .
וואָס־זשע האָב איך אַזוי מורא,
ווען בפירוש אין דער תורה
אָנגעזאָגט אַליין האָט גאָט —
דורך די הייליגע געבאָט:
זאָלסט דעם מיט־מענטש תמיד אַכטן
אַלס דיין ברודער אים באַטראַכטן. . .

וואָס־זשע האָב איך אַזוי מורא?. . .
איז אַ זינד דען אַן עבירה —
דעמאַסקירן בולטע צביעות
און אַנטדעקן פאַלשע נביאות —
הויך אַמאָל דעם אמת זאָגן,
ווען ס׳איז שווער דעם שקר טראָגן?. . .

לאַכט אַ לץ ווו הויך און העכער —
אַזש די אויגן פון די לעכער
קריכן ווילד באַ אים אַרויס. . .

אמת זוכסטו? היט די ביינער —
ס'שאַרפט שוין ווער אויף דיר די ציינער —
היט זיך — כ'וואָרן דיר פּאָרויס. . .

פינסק, 1933 ,6 3

בענקשאַפט

ווי נאָר ס׳קומט דער ליבער פרילינג
און עס הויבט אָן אַלץ צו בליען —
הויבט מיין האַרץ אָן שטאַרק צו רייסן,
הויבט מיין האַרץ אָן שטאַרק צו ציען. . .

ציט עס מיר מיט טויזנט צוואַנגען,
ווען עס הויבט אָן אַלץ צו גרינען —
העט דאָרט, ווייט, אין יענעם ערגעץ,
ווו נאָך ס׳לעבן האָט אַ זינען. . .

ווי נאָר ס׳קומט דער ליבער פרילינג
און עס גרינען בוימער, גראָזן —
ווילט זיך מיר ווו לויפן, פליען,
ווילט זיך מיר מיין היים פאַרלאָזן. . .

ווייט, ווו ס׳האָט די וועלט אַן ענדע,
ווו קיין מענטש האָט נאָך געטרעטן —
דאָרטן, באַ דער רויער רויקייט
וואָלט איך שטיל פאַרגעבונג בעטן. . .

דאָ, מיט אייך, ציוויליזירטע,
איז דאָס לעבן מער ניט זיכער. . .
כ׳האָב צו אייך נישט מער קיין צוטרויען —
נישט צו אייך און צו די ביכער. . .

דאָ, באַ אייך, ציוויליזירטע,
לויערן אָן אַ שיעור געפאַרן —
און איר זענט מיט אייער ווילדקייט
ווייט אַריבער די באַרבאַרן. . .

ווי נאָר ס׳קומט דער ליבער פרילינג —
ציט עס מיר מיט טויזנט צוואַנגען. . .
ווו עס האָט די וועלט אַן ענדע
וואָלט איך וועלן זיך דערלאַנגען!. . .

פינסק, 1933 ,20 3

געדאַנקען

אָפּגעבליט שוין האָבן בוימער;
וואַלגערט בליעכץ זיך ארום. . .
שטייען בוימער שטאַרק אַנטוישטע —
קוקן אָן דעם הימל שטום. . .

שטייען בוימער שטאַרק פארחידושט —
סודן זיך אַ גרויסן סוד. . .
ס׳טוט זיי עפּעס באַנג די בוימער. . .
ס׳איז זיי וואָס אַ שטאַרקער שאָד. . .

שטייען בוימער פול צובלעטערט,
שטייען בוימער שטאַרק צוגרינט;
שטייען און פילאָזאָפירן —
שושקען שטיל זיך מיטן ווינט. . .

איז פון שטאָט אַ ייד געקומען
און די בוימער אונטערזוכט;
האָט געישובט זיך, געחשבונט —
אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון פרוכט. . .

אַיינגעטענה׳ט מיטן פּריץ —
לאַנג געדונגען זיך, געקנעלט. . .
נאָכדעם איז אַ גוי געקומען
און אַ ביידל אויפגעשטעלט. . .

איז פון דאָרף אַ גוי געקומען
און אַ ביידעלע געמאַכט. . .
רק געפּאָמקעט זיך די לולקע
און די פרוכט־בוימער באַוואַכט. . .

שטייען בוימער שטאַרק פאַרדאגה׳ט:
איז דאָס אַלץ כדאי געווען?. . .
לאַכט דער ווינט פון זיי און חוזקט:
ער האָט ערגערס שוין געזען. . .

און דער ווינט דערציילט די בוימער
פון דער גרויסער פעלקער־שלאַכט. . .
פון מיליאָנען יונגע „בוימער",
וואָס מ׳האָט דאַן אומגעבראַכט. . .

פון מיליאָנען יונגע לעבנס,
וואָס מ׳האָט געטויט פאַר געלט. . .
גאָר ניט אָפּגעשאַצט די פרוכטן
פאַר דעם קיום פון דער וועלט. . .

שטייען בוימער שטאַרק צושראָקן
פאַר דעם גורל׳ס ווילדע קלעפּ. . .
שעפּטשען אין דער שטיל אַ תפלה —
שאָקלענדיק מיט גרינע קעפּ. . .

פינסק, 1922 ,24 5

געלע בלעטער

געלע בלעטער, גלייך נשמות ווי פון טויטע
וואַלגערן זיך אומעטום פון ווינט געיאָגט;
היימלאָז, אויף די וועגן, נע־ונד־צווייטע —
ווו געגנעכטיקט, דאָרט קיינמאָל ניט געטאָגט...

בלעטער עלנטע, פון צווייגן אָפּגעריסן —
דאַרע און פּאַוואָרלאָזטע אויף ג־ט׳ס באַראָט —
טראָגן הפקר׳דיק זיך אום, פון ווינט געשמיסן,
איבער אַלע גאַסן פון דער טריבער שטאָט...

געלע בלעטער — ווו נאָר ס׳פאַלן מיינע בליקן —
פּונקט ווי פּרויען, וואָס געשטייסן אויף דער גאַס
און צוריסן וועלכע האָבן אַלע בריקן,
מיט די פּיס געטרעטן און פאַרפאָלגט מיט האַס...

געלע בלעטער... איר דערציילט פון בייזן ווינטער,
וואָס וועט קומען באַלד מיט זאַווערוכעס, קעלט...
פון דעם פרילינג, וואָס איז ווייט, שוין ווייט אַ הינטער —
פון דעם טרויער, וואָס עס האָט באַהערשט די וועלט...

געלע בלעטער... איר דערמאָנט, אַז אַלץ וועט שטאַרבן,
אַלץ, וואָס פרוכפּערט זיך און לעבט נאָר אויף דער ערד...
אַז די צייט וועט אונז, אָן ספק, אויך פאַרדאַרבן...
אַז מיר האָבן, אַלע גלייך, דעמזעלבן ווערט...

געלע בלעטער, גלייך נשמות ווי פון טויטע —
וואַלגערן זיך אומעטום פון ווינט געיאָגט;
היימלאָז, אויף די וועגן, נע־ונד־צווייטע —
ווו געגנעכטיקט, דאָרטן קיינמאָל ניט געטאָגט...

פּינסק, 1932 ,30 10

גרויע פאַרנאַכטן

ס׳האָט אַן אַלטע, עקלהאַפטע מכשפה,
מיט אויגן קעצישע — ווי פארמעט געל —
די וועלט פאַרשאָלטן, אָט די ביין די טריפה —
פון אַלץ אַרום געמאַכט אַ וויסטן תל. . .

און ווו אַ בוים נאָר ערגעץ, און אַ בלימל,
מתפלל האָבן רואיק זיך צו גאָט —
איצט קוקן שטום, מיט פחד, אָן דעם הימל
און פאָלגן אונטערטעניק איר געבאָט. . .

און וואָלקנס שלעפן זיך גאָר אָן אַ גרעניץ,
ווי בעטלער, וואַגאַבונדן, אָן אַ צאָל. . .
פאַרנאַכטן גרויע, ווי איין לאַנגער געניץ,
צוליגן ברייט זיך אויס אויף באַר און טאָל. . .

עס בענקט דער מערב נאָך אַן עכטער שקיעה
און וואָס אַ טאָג ווערט שטאַרקער זיין באַגער. . .
פאַרדאגה׳ט אָן דער זון איז יעדע בריאה
און האָט קיין חשק ניט צום לעבן מער. . .

און מענטשן גייען אויס נאָך זונען־שטראַלן —
און קאָנען קוים דערוואַרטן יענע צייט,
ווען ס׳וועט דער קליפּה׳ס שפּרוך אין מדבר פאַלן
און אָנווערן פאַר מענטשן זיין באַדייט. . .

פינסק, 1932 ,18 12

דאָס ליד
פון אַ בית־עולם פויגעלע

גערווידמעט דעם אָנדענק פון די פּינסקער קדושים

כ׳הער אָפט, אין פרילינג, אַ פויגעלע זינגען
אין אַלטן בית־עולם אַליין אויף אַ בוים;
זי זיצט און זי טרילערט אַן אומעטיק לידל
און וועבט אין דער שטיל זיך אַ הייליקן טרוים.

געווען אויף דער וועלט זענען שטורמישע צייטן
ביזן האַלדז זענען מענטשן געשטאַנען אין בלוט. . .
דאַן זענען געקומען קאָזאַקן צו רייטן —
גערויבט און געמאָרדעט מיט שרעקלעכן ווּט!. . .

ס׳זענען נאָך ערגערע צייטן געקומען
געזיפּצט האָבן מענשן פון הונגער און נויט
דאַן זענען געקומען צו רייטן די הונען
און האָבן פאַרנומען דאָס לעצט שטיקל ברויט,

און ווילד זענען מענשן ווי חיות געוואָרן
געשטאָרבן איז יעדער רחמנות־געפיל
זיי האָבן די אַרבעט פון הונדערטער יאָרן —
אין שעהן פאַרניכטעט, אָן צוועק און אָן ציל!. . .

דערנאָך זענען „פרייהייטס״־אַרמייען געקומען,
און האָבן אין נאָמען פון יושר און רעכט,
געשענדעט, צוטראָטן די טייערסטע בלומען
צום שאַנד־סלופּ געבונדן דאָס מענשן־געשלעכט . . .

דאָס פויגעלע וויינט אויף די יונגע קרבנות,
וואָס זענען פריצייטיק געקומען אַהער

איך שטיי — ווי באַהערשט פון אַ טיפן רחמנות
און פיל — ווי עס גיסט זיך אַ טרער נאָך אַ טרער . . .

דו פרעגסט . . .

דו פרעגסט מיר, פריינט, וואָס איך בּין בלאַס?
דאָס איז באַ מיר נישט קיין חולאת! . . .
איך ווייטאָק, פריינט, אַ גרויסן ווײ —,
און בּין איין גרויסער אויסגעשריי . . .

איך טראָג מיט זיך אַ גרויסן סוד —
און ס׳איז מיר וואָס אַ גרויסער שאָד . . .
איך טראָג אַ פרעמדע מיסיע־לאַנג —
און ס׳טוט מיר שטענדיק עפּעס באַנג . . .

דו פרעגסט: פאַרוואָס די גאַנצע צייט
אין לעבּן שטײ איך אָן אַ זייט?
איך טו דאָס בּייזוויליק נישט, פריינט . . .
איך האָב מיין פאָלק דערפאַר נישט פיינט . . .

איך ליב די מענטשן אַלע גלייך —
עס זענען אַלע מענטשן שייך . . .
און אויב עס זענען מענטשן שלעכט —
בּיזטו דערפאַר נאָך נישט גערעכט! . . .

עס טראָגן פעלקער נישט קיין שולד —
דו האָב נאַר, פריינט, אַ קאָפּ געדולד —
עס ווערן פעלקער נאָר רעגירט —
עס ווערן פעלקער אָפט פאַרפירט! . . .

עס איז דער מענטש נאַטור׳ס אַ קינד —
און אונז געמיינזאַמעס וואָס בּינדט!
מיר ווערן שלעכט דערצויגן, פריינט —
און האָבּן גאַנץ אומזיסט זיך פיינט! . . .

דו פרעגסט: פאַרוואָס איך זע אויס בלאַס?
דאָס איז נישט, פריינט, קיין שום חולאת! . . .
איך בּין אין גרויסן קריג געוועזן
און האָב דעם טויט אַליין געזען . . .

און בין דערפאַר אַזוי איצט בלאַס,
ווייל ווידער האָט אַ משוגעת
דער וועלט באַהערשט — און זי איז גרייט
מקבל־פּנים זיין דעם טויט! . . .

פינסק, 1933 ,9 7

די טעג פון מיין לעבן

עס זענען די טעג פון מיין לעבן איינטאָניג
און זענען ווי צוויי טראָפּן וואַסער צוגלייך . . .
עס האָט אין מיין היים ניט גערונען קיין האָניג
און ס׳איז מיין משפחה געווען קיינמאָל רייך . . .

מיין קינדהייט אַדורך איז אין פינסטערן חדר,
וווּ ווינטער איז קאַלט געווען — זומער רק הייס . . .
דער רבי — אַ כּעסן, פאַראומערט כּסדר,
געשאָלטן האָט אונז — און געווען שטענדיק בייז . . .

און בלאַסינקע ייִנגעלעך, רק אין דער מורא,
אין קרייז אַרום רבין, ביים לאַנג־שמאָלן טיש —
געגריבלט זיך האָבן אין שאלות פון תּורה
און שטענדיק געציטערט אַזוי ווי די פיש . . .

מיין יוגנט אַוועק איז אין שטורמישע צייטן:
געוועקט זיך פון שלאָף האָט דער רוסישער בער . . .
עס האָט דאַן יאַפּאַן אויפן מזרח דעם ווייטן,
געגרייט זיך . . . און טיכטיק געשאַרפט דאָס געווער . . .

עס סאָפּען די באַנען און יאָגן זיך איילן . . .
פאַרוואָלקנט איז שרעקלעך דער הימל אין לאַנד . . .
עס דונערט און בליצט שוין פאַר טויזנטער מיילן . . .
עס האָבן זיך מענטשן גערירט פון פאַרשטאַנד . . .

עס איילן אויף מזרח, מיט אימפּעט די באַנען . . .
אַן ערנסט באַהערשט האָט דאָס רוסישע לאַנד . . .
און פּלוצלינג . . . מ׳ווייסט ניט פון וואָס און פון וואַנען —
דאָס פאָלק האָט גענומען זיין גורל אין האַנד . . .

עס שטייען פֿאַבריקן אַון שטיל שטייען באַנען . . .
עס לויפֿן צוטומלט די צאַרישע קנעכט . . .
דער בלוטיקער טראָן שטייט אין ריזיקע פֿלאַמען . . .
עס פֿאָדערט דאָס רוסישע פֿאָלק זיינע רעכט . . .

און שכּור דאָס פֿאָלק איז פֿון גרויסן נצחון —
און האָט שוין פֿון שכּרות פֿאַרלאָרן דעם קאָפּ! . . .
עס דויערט די שמחה אַ קורצע פּאָר וואָכן —
און ווידער שוין קייקלט זיך אַלץ באַרג אַראָפּ . . .

און טרויעריק ציען די רוסישע באַנען . . .
אַ פּחד באַהערשט האָט די רוסישע ערד . . .
עס לויפֿן ווי ווילדע קאָזאַקן, אולאַנען . . .
דאָס מענטשלעכע לעבן האָט גאָר ניט קיין ווערט . . .

אין טרויער, אין טיפֿן, פֿאַרלאָז איך מיין שטעטל —
און לאָז איבער ים׳ען זיך, ווייט פֿון מיין היים . . .
עס שליידערן כוואַליעס די שיף ווי אַ ברעטל —
אַ שפּילצייג ביים ים איז די שיף דאָרטן קוים . . .

און דאָרט, איבער ים׳ען, אין פֿרעמדע מדינות,
פֿאַרצערט האָט די צייט מיינע יאָרן אומזיסט . . .
און אָט בין איך ווידער אויף היימישע שינעס —
אַ הונט צו זיין בעסער אויף היימישן מיסט . . .

אַ ליכטיקער שטראַל, בלויז אויף רגע׳ס געציילטע,
באַוויזן האָט זיך אין אַ פּרויען געשטאַלט . . .
און ס׳האָט פֿון מיין רעיון — די האַרץ־אויסדערוויילטע —
מיין טרויריקן המשך פֿון לעבן באַשטראַלט . . .

דערנאָך די קאַזאַרמעס, דאָס נע־ונד לעבן,
דער גרויזאַמער וועלט־קריג, דער גלות ביים דייטש,
פֿאַרהאַמעוועט וואָס האָט צו פֿרייהייט דאָס שטרעבן —
און אויפֿגעלעבט ווידער די רעכט פֿון דער בייטש . . .

איצט בין איך אַ בירגער, אַ גלייכער מיט לייטן —
און נודנע פאַרגייען די יאָרן און טעג . . .
עס מאַניען און ווינקען די לענדער פון ווייטן . . .
נאָר פול איז מיט שטיינער און דערנער דער וועג . . .

און מיד שוין פון לעבן, אַנטוישט און צוטראָטן,
אויף אייביק געצוימט איז מיין יוגנט־געפיל . . .
איך דריי זיך אַרום אין דער וועלט, ווי אַ שאָטן,
און זוך ניט אַרום מער אין לעבן קיין ציל . . .

פינסק, 1932 ,12 8

די לעצטע שלאַכט

דער ווינטער האָט די לעצטע שלאַכט
פאַרלאָרן אויפן פעלד . . .
פון דרום, זיגרייך, מיט געזאַנג,
מאַרשירט דער פרילינגס־העלד.

עס פלאַטערט הויך זיין שטאָלצע פאָן
אין בלאַנקעט־גאָלד קאָלירט.
דער ווינטער לויפט אין אומאָרדנונג
און אַלץ עוואַקואירט . . .

און ראַש דעם פרילינגס אוואנגארד
די שפּורן גייט אים נאָך —
באַפרייען די וועלט פון אָקופּאַנט,
פון שווערן ווינטער־יאָך . . .

עס האָבן טירן, פענסטער, ברייט
צעעפנט זיך, צעפראַלט . . .
און אַנדערש האָט אין הימל אויך
די זון זיך איצט צעשטראַלט! . . .

פון זיין באַהעלטעניש דער מענטש,
מיט גאָר אַן אַנדער טראָט—
אַרויס אין גאַס איז יובלענדיק
און מיט אַ לויב צו גאָט . . .

דער ווינטער האָט עקשנות׳דיק
געקעמפט אַ גאַנצע נאַכט
און כסדר, אויפן גאַנצן פראָנט,
פאַרשפּילט די לעצטע שלאַכט . . .

פּינסק, 1933 ,4 3

דייטשלאַנד אונטער אַלעס . . .

(געווידמעט דעם היטלעריסטישן דייטשלאַנד.)

דייטשלאַנד, דייטשלאַנד אונטער אַלעס,
אונטער אַלעס אין דער וועלט . . .
ס'וועבט די וועלט פאַר דיר אַ קללה. —
קינד־און־קייט דיר פלוכט און שעלט! . . .

קליין ביזטו איצט מיט דיין גרויסקייט
אין די אויגן פון דער וועלט! . . .
ס'ווייט פון דיר מיט מיטלאַלטער
און אַ שוידערלעכע קעלט! . . .

שרעקן מאַמעס איצט די קינדער:
שאַ, ניט וויין, אָט היטלער גייט! . . .
ס'איז, דיין לאַנד, איצט, אַ בית־עולם,
וווּ עס הוליעט פריי דער טויט! . . .

ביזט געמיין איצט מיט דיין בילדונג . . .
(שעמט אייך, שוואַרצע היטלער־קנעכט! . . .)
דייטשלאַנד, דייטשלאַנד אונטער אַלעס —
ס'איז דיין גדלות גאָרנישט ווערט . . .

שעמט אייך, אייניקלעך פון געטהע! . . .
ס'מוז אים שווער זיין איצט די ערד,
ווען אין דייטש רייך דעם גרויסן —
פאָכט אַ היטלער מיט דער שווערד . . .

דייטשלאַנד, דייטשלאַנד אונטער אַלעס,
אונטער אַלעס אין דער וועלט . . .
גראָבסט אַליין, פאַר דיר, אַ קבר —
האָסט אַ קברן שוין באַשטעלט! . . .

פינסק, מאַי 1933

דעם קרעטשמער׳ס טאָכטער

שפּרייטן רחבֿות׳דיק זיך פעלדער,
שפּרייטן זיך אומענדלעך ווייט . . .
ווערן קיינמאָל זיי, די פעלדער,
ניט פאַרעלטערט דורך דער צייט . . .

ווי נור ס׳קומט דער ליבער פרילינג,
באַלד נור ווי דער שניי צוגייט —
שפּראָצן גרעזעלעך און בלומען
אין דער לייגג און אין דער ברייט . . .

האָב איך ליב שפּאַצירן דאָרטן,
ווייט פון טומל, ווייט פון שטאָט . . .
אין דער שטילקייט פון די פעלדער
דאָרט — אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר גאָט . . .

כ׳זע אים אין דעם סוד דעם גרויסן,
וואָס עס וועבט זיך דורות לאַנג . . .
כ׳הער אים אין דעם ווינד׳ס מעלאָדיע,
אין דעם פויגל׳ס זיס געזאַנג . . .

ווילט זיך מיר דאָרט אייביק בלייבן,
ווילט זיך מיר אין שטאָט ניט גיין . . .
אַלץ איז דאָרטן פול מיט פשטות,
פול מיט ליבע און מיט חן . . .

שפּרייטן רחבֿות׳דיק זיך פעלדער,
שפּרייטן זיך אומענדלעך ווייט . . .
שטייט ביים שליאַך אַן אַלטע קרעטשמע
איינגעבויגן דורך דער צייט . . .

האָט דער קרעטשמער דאָרט אַ טאָכטער,
שיין צובליט — ווי אַלץ אַרום . . .
האָדעוועט זיך דאָרט דאָס מיידל —
ווי אַ שיינע ווילדע בלום . . .

האָט דאָס מיידל וואונדער־אויגן,
קרישטאָל־קלאָרע פערל־ציין;
און אַ שטים — אַ זילבער־גלעקל,
וואָס קען רירן ביז געוויין . . .

הער איך אָפט די צויבער־טענער,
ווען אין פעלד פאַלט צו די נאַכט . . .
האָב איך ליב דעם קרעטשמער׳ס טאָכטער.
פאַר איר פשטות, פאַר איר פראַכט . . .

ווילט זיך מיר דאָרט אייביק בלייבן,
ווילט זיך מיר ניט גיין אין שטאָט:
דאָ באַקום איך ווידער גלויבן —
אין די מענטשן און אין גאָט . . .!

פינסק, 1932 ,20 5

דער אבשייד

(פאָלקס־מאָטיוו)

(געווידמעט דעם אָנדיינק פון מיין מוטער ע"ה)

איך קוק שוין אויף די פעקעלעך —
דאָס האַרץ, אוי, בלוטעט, קלעמט . . .
נאָך אייניקע מינוטן — און
איך בין שוין אין דער פרעמד . . .

עס שטייט אַרום אַ רעדעלע —
מיין מאַמעלע — זי וויינט . . .
זי בעט: אַן אָפּטן בריוועלע —
מיין האַרץ איז ווי פאַרשטיינט . . .

איך זיץ שוין אין וואַגאָן און וואַרף
פון פענסטערל מיין בליק . . .
עס וויינט מיין גוטע מאַמעלע —
זי בעט מיר: „קום צוריק!" . . .

עס רירט זיך שוין דער אייזענבאַן —
מיין האַרץ איז טיף צוקלעמט . . .
איך זע שוין ניט מיין מאַמעלען . . .
איך בין שוין אין דער פרעמד . . .

אָט שווינד איך, שווינד איך, ווייט פון איר —
איך זע שוין ניט איר בליק . . .
דאָך קלינגט מיר נאָר איר שטימעלע:
אָ, קינד מיין, „קום צוריק!" . . .

(געדרוקט אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס")

* * *

קוים שטאַרבּ איך אין אַ פרעמדן לאַנד,
פאַרטריבּן פון דעם שיקזאַלס האַנט, —
זיי וויסן: כ׳האָבּ נור דיר אַליין
געליבּט אין לעבּן הייס און ריין . . .

זיי וויסן: כ׳האָבּ פיל לאַנגע נעכט
געוויינט, ווען קיינער האָט געהערט . . .
געוויינט, געכליפּעט אין דער שטיל —
באַקלאָגט מיין טויטן לעבּנס־ציל . . .

און לעבּסטו מיר נאָך איבּער לאַנג —
דערפיל מיין איינציקן פאַרלאַנג:
בּאַזוך אַמאָל דיין פריינט אויך דאָרט
אויף יענעם פרעמדן הייליק־אָרט . . .

און וויינען זאָלסטו ניט, מיין קינד:
כ׳בּין דיר מוחל אַלע זינד . . .
ס׳האָט אונז גאָט ניט צוגעהערט
און האָט אונז בּיידן ניט בּאַשערט . . .

דער אַרבעטלאָזער

אויגן — אויסגעלאָשענע און טריבע,
ליפּן — בלאַסע און פאַרשמאַכט —
בלאָנקעט אום ער אין די גאַסן,
בלאָנקעט אום סיי טאָג און נאַכט . . .

קלאַפּט ער אָן אין אַלע טירן:
כ'האָב פאַרקויפן ביליק — הענט!
הילכט זיין שטים אָפּ אין דעם מדבר,
שלאָגט זיך אָן אָן פעלזן־ווענט . . .

וויל ער זיך אין שטוב נישט ווייזן:
הונגעריק דאָרט זיצט זיין ווייב . . .
און זיין קינד, זיין ליב — פאַרחלשט —
רייסט פון אים אויס שטיקער לייב! . . .

קלאָגט דער ווינט דורך די שפּאַרונעס . . .
דראַפּעט ווי אַ מויז — אומזיסט —
זוכט אַ סקאָרינקע געפינען . . .
ס'איז אין שטוב אי לער, אי וויסט . . .

בלאַנקעט אום ער דורך די גאַסן
מיט אַ קללה פאַר דער וועלט,
וועלכע צווינגט מיליאָנען מענטשן
ליידן הונגער, נויט און קעלט . . .

1934

דער טויטן־געיעג

אַ שטאָק־שוואַרצע נאַכט האָט אויף פעלדער צעלייגט זיך
און האָט זיך אַזוי ווי אויף עפּעס געגרייט . . .
פון חושך, פון טיפסטן, מיט זודיקן אימפּעט,
געאײַלט האָט אַ שנעל־צוג אַנטקעגן דעם טויט . . .

פאַרשפּעטיקט־געלאָפן איז ער אָן אַן אָטעם
און האָט אַלץ, וואָס ווייטער, פאַרשנעלערט דעם גאַנג;
געשלענגלט זיך, ווי אין אַ שטורם־געווירבל —
געשיפּעט אַזוי ווי אַ גיפטיקע שלאַנג . . .

געווען איז דער צוג איבערפולע מיט אַן עולם,
אַ לוסטיקער עולם, דורך פעך־שוואַרצע נאַכט;
וואָס האָט אַלע ווײַלע געקוקט אויף די זייגערס;
פאַריזש — זייער ליבלינג — צו זען שוין געגאַרט . . .

אַ חושך, אַ שוואַרצער, האָט אײַנגעהילט פעלדער . . .
געטראָגן דער צוג האָט דורך פעלד און דורך וואַלד . . .
געשמייכלט דער צוג־פירער האָט און געיובלט:
פאַריזש איז שוין נאָענט — אָט איז ער דאָרט באַלד . . .

אַ נעפּל, אַ שווערער, פאַרטיפט האָט דעם חושך
און אָפּגעווישט יעטוועדן שפּור פון דער וועלט . . .
דער שוואַרצעסטער טויט האָט אין פראַנקרײַך, בײַ לאַני,
אין פינסטערן נעפּל זײַן מאַסקע פאַרשטעלט . . .

און פּלוצלינג — אַ שרעקלעכער קראַך און אַ ציטער,
אַ יאָמער געשריי און אַ קנאַל נאָך אַ קנאַל! . . .
וואָס איז דאָ געשען, אין דעם שרעקלעכסטן חושך? . . .
דער וועג איז דאָך פריי געווען לויטן סיגנאַל . . .

ווער לויפט אַזוי ווילד דאָרט אַרום איבער פעלדער,
מיט אויגן פאַרגלייזטע, און שוואַרצע ווי קויל? . . .
דאָס לויפן: דער פירער פון צוג מיטן הייצער —
זיי איילן וואָס גיכער פון שרעקלעכסטן גרויל! . . .

אַ פעך־שוואַרצע נאַכט האָט געלויערט אויף פעלדער
און האָט אויף אַ בלוטיקן שניט זיך געגרייט . . .
פאַרשפעטיקט — אַ צוג האָט געיאָגט צו דער הויפט־שטאָט,
געטראָגן מיט אימפעט, אַנטקעגן דעם טויט! . . .

דער יתום

(געווידמעט דעם פינסקער יתום)

איך זע אים טאָג־טעגלעך ביים פענסטער דאָרט שטיין,
פאַרקלערט און פאַרדאגהט אין זיין נייער היים . . .
דערציייל־זשע מיר, ייִנגעלע, זאָג מיר דיין וויי —
וואָס ביזטו פאַרקלערט און פאַרדאגהט אַזוי? . . .

צי האָסטו געגעסן היינט ברויט צו דער זעט . . .
צי האָט, פאַרן שלאָפן גיין, ווער, אויף דיין בעט,
אַ קוש דיר געגעבן . . . דערצייל, טייער קינד, —
וואָס ביזטו פאַרקלערט און פאַרדאגהט אַ צינד? . . .

— פון קושן, מיין פריינט, גיב איך גאָרנישט אַ קלער . . .
איך האָב נישט ס'זאָל קושן און האַלדזן מיר ווער . . .
איך האָב שוין גענוג אויף דעם, פריינט מיין, געוויינט . . .
נאָר איצט איז אינגאַנצן מיין האַרץ שוין פאַרשטיינט! . . .

און אָט פאַרוואָס איך בין פאַרדאגהט מיין פריינט:
ווייל ס'זאָגט־צו מיין מאָרגן זיין טריבער פון היינט . . .
מ'האָט שוין זיך „ערגעץ" פאַרמאָסטן אויף פעסט —
באַרויבן אינגאַנצן מיין עלנטן נעסט! . . .

מ'וויל מיר מיין ווינקעלע צונעמען שוין —
און כ'האָב ניט אַווו זיך אַהינטון און גיין . . .
עס לויערט אויף מיר איצט אַ גרויסע געפאַר —
און איך בין אַזוי איצט פאַרדאגה'ט דערפאַר . . .

זיי רואיק, קינד, ס'וועט דיר איצט גאָרנישט געשען:
מ'וועט דיר אויך ווייטער, ווי ביז אַהער, זען . . .
מיר וועלן, ווי תמיד, באַשיצן דיין צד —
מיר וועלן ניט לאָזן דיר, קינד! נע־ונד! . . .

פינסק, 1933 ,7

דער פארכשופ׳טער קרייז

שפּראָצט אַ גרעזל, וואַקסט אַ בלום;
פליט אַ בין פאַרהאַוועט: „זשום" —
ווייס פון אייך ווער, צוליב וואָס
וואַקסט דאָס בלימל, שפּראָצט דאָס גראָז?

פליט אַ פויגל דורך: „טשיריק";
זוכט אַ קערנדל — „פּיק־פּיק".
ווייס דאָס פויגעלע דעם סוד:
ווער עס דרייט דעם כשוף ראָד?

זיצט אַ קעצל אויף אַ דאַך —
לויערט לוסטיג אויף דער וואַך
ווייס דאָס קעצל צוליב וואָס,
צוליב וועמען טוט זי דאָס? . . .

און אַזוי גאָר אָן אַ ברעג,
גייט זיך די נאַטור איר וועג —
ווער פון אייך אונטער דער זון
ווייס דעם גרויסן סוד דערפון? . . .

האַוועט מענטשן, האַוועט שווער;
לויפן, יאָגן זיך הין־הער . . .
בייסן, קריצן מיט די ציין —
קעמפן גרויזאַם — פאַר אַביין . . .

האַוועט מענטשן, לויפן אום —
דאָ און דאָרט און אומעטום —
אונטער וואָלקנס, אויף דער ערד —
מיטן סערפּ און מיט דער שווערד.

קעמפן מענטשן דאָ און דאָרט,
ווּו דו קומסט אויף יעדן אָרט . . .
ווייסט איר צוליב וועלכן חטא
מענטשן האָבן ניט צו זעט? . . .

פעלט קיין זאך ניט אויף דער וועלט:
אַלץ צו קריגן איז פאַר געלט . . .
בעטלען מענטשן אין דער ריי,
שטאַרק פאַרביטערט זענען זיי.

ציט די ריי זיך שרעקלעך לאַנג —
פון מיליאָנען אַ געדראַנג —
ליידן מענטשן שווערע נויט —
בעטן רק אויף זיך דעם טויט! . . .

האָט די וועלט פון אַלץ צופיל
שטייען די מאַשינען שטיל . . .

ווייס דען ווער פון אייך דעם סוד:
ווער עס דרייט דעם כּשוף־ראָד?

דער שטורם

(פראַגמענט פון אַ פּאָעמע)

. . . און לאַנג זענען פעלדער געלעגן פאַרשמאַכט
און האָבן אַ ביסעלע רעגן געגאַרט . . .
עס האָבן די גראָזן, פאַרטריקנט, פאַרדאַכט,
אַ טראָפּנדל טוי ווו געזוכט דורך דער נאַכט . . .

בייטאָג האָט די זון רק געסמאַליעט, געבּרענט
און האָט מער איר שוועסטער, דער ערד, ניט דערקענט . . .
און בוימער פאַרטריקנטע, שטיל און צוקלעמט,
אַראָפּגעקוקט האָבן — אַזוי ווי פאַרשעמט . . .

געוועזן זענען שליאַכן פאַרלאָזן, פאַרוויסט —
אַ וואַנדערער אויסגעקוקט ערגעץ־אומזיסט! . . .
עס האָט ניט קיין פויער אין ערגעץ געוואַגט
מיט וואָגן און פערד אויף דעם טויט־שטילן טראַקט . . .

אַן אימה באַפאַלן איז מענטשן און פי . . .
לאיבוד געגאַנגען איז מענטשלעכע מי . . .
עס זענען די הימלען פאַרעקשנ׳ט געווען
און האָבן דעם מענטשלעכן צער ניט געזען . . .

און פויגעלעך האָבן געזונגען ניט מער
און שטיל אין דער נאַכט געלאָזט פאַלן אַ טרער . . .
און פונקט ווי געשפּענסטער אַנטקעגן דער מיל
פאַרשרפה׳טע זאַנגען געקוקט האָבן שטיל . . .

און מענטשן פון גלויבנס, פאַרשיידן און פיל —
געהאַט האָבן דאַן איין־און־איינציקן ציל . . .
און יעדערער האָט אויף זיין שפּראַך צו זיין גאָט —
געבעטן דאָס זעלבע, אין דאָרף און אין שטאָט . . .

און פּלוצלינג . . . געווען איז דאָס קעגן פאַרנאַכט,
ווען אַלץ פון די הימלען אַ נס האָט דערוואַכט —

באַקומען די זון האָט אַ לעבער קאָליר —
און ס׳האָבן זיך בוימער געגעבן אַ ריר . . .

עס האָבן צוויאַקעט זיך טויזנטער קעץ —
און ווילד ווו צולאַכט האָט זיך ערגעץ אַ לץ . . .
און טויזנטער האָבן צובילט זיך די הינט . . .
און שוואַרץ איז דער הימל געוואָרן ווי טינט . . .

און ווילד זענען מענטשן געלאָפן אין גאַס,
מיט אויגן צועפנטע, מוראדיק בלאַס . . .
און פלוצלינג פון ערגעץ — אַ שרעקלעכער קנאַל —
געגעבן האָט הימלען דעם ערשטן סיגנאַל . . .

און גרין־ראָזע בליצן, אויף טינט־שוואַרצן פאָן.
געפּראַלט האָבן טירן צום הימלישן טראָן . . .
געקנאַלט האָבן דונערן — און נאָכאַנאַנד
אַ מבול אַראָפּ איז — פאַרפלייצן דאָס לאַנד . . .

און ווילד האָבן שדים זיך ערגעץ צוטאַנצט —
און שטורם־גרייט זיך אין די וואָלקנס פאַרשאַנצט . . .
צוואָרפן, צושליידערט ניט איין דאַך און פלייט —
און טויזנטער בוימער צולייגט און געטויט . . .

און קיינער האָט דאַן מיט קיין אויג צוגעמאַכט
אין יענער פאַרשאָלטענער, שרעקלעכער נאַכט . . .
און קיינעם האָט דאַן ניט גענומען קיין שלאָף,
ביז וואַנען דער שטורם געהאַט האָט זיין סוף . . .

און פלוצלינג, אויף מאָרגן, אַ נס איז געשען:
פון שטורם קיין זכר איז מער ניט געווען . . .
די זון האָט זיך מילד אין די הימלען געשיינט
און ס׳האָבן פאַרטראָגן זיך שונאים מיט פריינט . . .

און ס׳האָבן זיך מענטשן געקושט און געפרייט,
געפילט ווי געלויערט אויף זיי האָט דער טויט . . .
עס האָט אין די גאַסן געדונערט מוזיק . . .
און שכור געווען זענען מענטשן פון גליק . . .

האַרבסט איז נאָנט

עס שטייען די בוימער פאַרדאגהט און קלערן,
און גלאָצן מיט אויגן, געווייקטע אין טרערן:
וואָס וועט פון אונז ווערן? . . . וואָס וועט פון אונז ווערן? . . .
מיר האָבן געבליט און אויך פרוכטן געגעבן —
און וואָס איז פון אַלע חלומות־געוועבן? . . .
ווי פוסט איז דאָס לעבן! . . . ווי פוסט איז דאָס לעבן! . . .

און הויך, אויף אַ בוים, האָט אַ קראָ זיך צעשריען:
אומזיסט אייער וויינען, אומזיסט אייער מיען . . .
עס איז איצט קיין צייט נישט אויף וואַקסן און בליען . . .
און קורץ איז דער פרילינג, פאַרגענגלעך דער זומער . . .
און לאַנג וועט אויף פעלדער זיך ציען דער קומער
דער האַרבסטיקער שלומער, דער האַרבסטיקער שלומער . . .

צעוויגן זיך בוימער, פון שטורם געבויגן:
געוועזן איז אַ חלום און ווייט איז פאַרפלויגן,
און האָט אַזוי ווייניק און קורץ זיך געצויגן . . .
און הויך, אויף אַ בוים האָט אַ קראָ זיך צעשריען:
דערפאַר וועט דער ווינטער גאַנץ לאַנג שוין זיך ציען . . .
און הויך, אויף אַ בוים, האָט אַ קראָ זיך צעשריען . . .

האַרבסט־לידער

I

אַ רעגעלע קאַפּעט,
אַ רעגעלע גייט . . .
ביים ראַנד פונם שטעטל —
אַ שטיבעלע שטייט . . .

דאָס שטיבעלע שטייט דאָרט
שוין יאָרן אַ סך,
און טוליעט אין הויקער
זיך, אונטערן דאַך . . .

די שויבן פאַרלאַטעט,
און פריי בלאָזט דער ווינט . . .
דער דאַך איז צובראָכן
און רינט אַלץ, און רינט . . .

דאָרט וווינט איטשע־זלמן —
אַ שניידער פון פאַך —
פאַרדאגה'ט אַלץ שטענדיק
און אַלט שוין, און שוואַך . .

און פּראַצעוועט תּמיד,
און האָט ניט אויף ברויט . . .
עס איז אים זיין אַלטע
שוין צוואַנציק יאָר טויט —

האָט איבערגעלאָזן
אים מיידלאַך אַ פּאָר,
וואָס ציילן צוזאַמען
איצט זיבעציק יאָר . . .

און ס׳רוקט זיך פּאַמעלעך
אַ יאָר נאָך אַ יאָר,
און ס׳זילבערט באַביידן
זיך שטאַרק שוין די האָר . . .

און ס׳איז איטשע־זלמן
פאַראומערט דערפאַר:
ס׳איז שווער אים פאַרטראָגן
פון ביידן דעם צער . . .

II

קלאַפּט דער רעגן אין די שויבן . . .
אַרט אים עפּעס דען,
וואָס איך האָב, אַ יאָר שוין באַלד, קיין
פּרוטה ניט געזען? . . .

אַרט אים, וואָס איך האָב קיין האָלץ ניט —
און אין שטוב איז קאַלט? . . .
וואָס די שיך זענען צעריסן
און צעפאַלן באַלד? . . .

קלאַפּט דער רעגן אין די שויבן . . .
גייט אים עפּעס אָן,
וואָס איך האָב אין טאַש קיין פּרוטה
און וואָס אָנצוטאָן? . . .

קלאַפּט דער רעגן אין די שויבן . . .
אַרט אים עפּעס דען,
וואָס עס קען דאָס גאַנצע בילד ניט
מאָלן איצט מיין פען? . . .

פינסק, 1932 ,7 10

האַרבסט־מאָטיוון

און ווינטן אין ריזיקע וואָלקנס געשפּאַנט,
פון ערגעץ אַן עלנטן, האַרבסטיקן לאַנד —
ווי רייטער חיילות זיך האָבן צוזייט
אויף הימלען באַ אונז אין דער לענג און דער ברייט —

און האָבן די פויגל פון פעלדער צויאָגט . . .
פאַריתום׳ט אָן זיי איצט דער וואַלד שטייט און קלאָגט . . .
ס׳טוליען זיך בוימער — עס איז זיי שוין קאַלט:
דער האַרבסט איז שוין נאָנט, דער האַרבסט קומט אָן באַלד . . .

ס׳טוליען זיך פויערשע כאַטעס, ווי שאָף . . .
פאַרזונקען דאָס דאָרף שטייט אין האַרבסטיקן שלאָף . . .
ס׳רוט פון זיין פראַצע דער פויער איצט אויס
און רואיק זיין ברויט עסט, פאַרדינטן מיט שווייס . . .

אין האַרבסטיקע נעכט זיצן פויערטעס שטיל
און וועבן, און שפּינען, און ריידן ניט פיל . . .
און לאַנג פאַרן שלאָפן גיין בעטן זיי גאָט —
צו העלפן זיי שטילן דעם הונגער פון שטאָט . . .

— — — —

אין שטאָט האָבן מענטשן פאַרגיכערט די טריט:
צורייצט האָט באַ מענטשן זיך דער אַפּעטיט . . .
עס מאַניען פון שוי־פענסטער פרוכטן, צושטעלט —
דער האַרבסט ברענגט אַ שפע פון אַלץ אין דער וועלט . . .

עס דרייען זיך אָרעמע מענטשן אַרום
און קוקן דעם בלייענעם הימל אָן שטום,
און טראַכטן: ווו קען מען פאַרדינען אויף ברויט,
צו שטילן אַ ביסל די גרויזאַמע נויט! . . .

זיי דרייען זיך צוועקלאָז אַרום גאַנצע טעג . . .
און עלנטער, פינסטערער ווערט אַלץ דער וועג . . .
עס ווילן די מענטשן אַ היים מער ניט גיין —
פאַרנעמען פון ווייב און פון קינד דעם געוויין . . .

און ס׳וויינט מיט זיי מיט אויך דער עלנטער ווינט —
און קען ניט פאַרנעמען דעם צער פונם קינד . . .
ער וויינט אויף דער לאַגע פון גאָט׳ס שיינער וועלט,
אין וועלכער עס האָבן איר מענטשן געשטעלט . . .

פינסק, 1932 ,18 9

האַרבסטיקע פעלדער

שלענגלט אַ צוג זיך דורך האַרבסטיקע פעלדער,
רודערט אַדורך און פאַרשוויצט . . .
נעם־זשע מיך מיט, צוג, אין לענדער, אין ווייטע,
טראָג מיך אויף פליגלען פון ווינט . . .

ציען דורך פייגל, אין רייען געאָרדנט,
לאָזן זיך ערגעץ אין וועג . . .
נעמט מיך מיט, פייגל, איך וועל מיט אייך פליען,
ווו נאָר די וועלט האָט אַן עק . . .

וואַנדערן ווינטן מיט האַרבסטיקע פעלדער,
וויינען דורך טעלעגראַף־דראָט . . .
צופּן די בלעטער פון עלנטע בוימער,
יאָגן אויף הפקר׳ס באַראָט . . .

ציען זיך שליאַכן דורך האַרבסטיקע פעלדער,
מאַניען מיט האַרבסטיקן גאָלד . . .
גערן וואָלט איך מיט די דאָזיקע שליאַכן
וואַנדערן איצטער געוואָלט! . . .

שלענגלט אַ צוג זיך דורך האַרבסטיקע פעלדער,
רודערט אַדורך און פאַרשווינדט . . .
נעם זשע מיך מיט, צוג, אין לענדער, אין ווייטע,
טראָג מיך אויף פליגלען פון ווינט . . .

פינסק, 1933 ,1 10

וואַנדער־ליד

(פאָלקס־מאָטיוו)

שטייט דער צוג און סאַפּעט שווער,
און אַ מיידל ווישט אַ טרער . . .
טייער מיידל מיין, ניט וויין:
יאָרן וועלן גיך פאַרגיין . . .

יאָרן וועלן גיך אַוועק —
און וועסט קלייבן זיך אין וועג . . .
וועט אַ מאַמע אפשר שטיין —
דיר באַגלייטן מיט געוויין . . .

שטייט דער צוג און אָטעמט שווער,
און איך קען נישט ריידן מער:
שטיקן טרערן מיר אין קעל . . .
שרייט ווער „איינשטייגן" שוין שנעל! . . .

ווערט אַלץ פינסטער אַרום מיר —
כ׳קען נישט געבן זיך אַ ריר . . .
דריקט מיר עמיצער און דריקט,
און מיט טרייסט־ווערטער פאַרוויגט . . .

פליט דורך וואַלד און פעלד די באַן —
איילט פיל כוח נאָר פאַראַן . . .
וואָס־זשע איילט דער צוג אַזוי?
פילט ער, ווי עס טוט מיר וויי? . . .

טראָג־זשע, טראָג זיך, שנעלער, באַן,
וויפל כוח נאָר פאַראַן . . .
ברייננג מיר נעענטער צום אָרט —
אפשר ווערט מיר בעסער דאָרט . . .

שניידט די באַן דורך באַרג און טאָל...
וועגן קרייצן זיך אָן צאָל...
זיי געגריסט, מיין ליבע היים!...
רו, אין פרידן, יוגנט־טרוים!...

פינסק, אין יוני 1933

וואַנדער־מעלאָדיען

כ׳שטיי ביים ברעג פון ים, פאַרטראַכט,
פון אומרו שטאַרק באַהערשט און וואַרט...
וואָס־זשע שטיי איך איצט פאַרקלערט?
ס׳וועט שוין קומען, וואָס באַשערט...

הינטער מיר — מיין אַלטע היים:
פאַר מיין פענסטער שטייט אַ בוים,
וועלכער אַ נשמה האָט
און פאַר מיט איצט בעט דאָרט גאָט...

שטייט אַ שיף און לאָדט זיך אָן...
ס׳פלאַטערט אין דעם ווינט איר פאָן...
און די צייט — זי גייט און גייט...
שיף! נו, שנעלער, מאַך זיך גרייט!

נעם מיך, גיכער שוין, אין וועג —
טראָג מיך צו דעם וויטסטן ברעג!...
טראָג צום וויטסטן ברעג מיך, שיף —
ס׳ברענט אַ וווּנד אין האַרצן, טיף...

קעמפט די שיף מיט כוואַליעס, ווילד —
אויפן רעיון קומט אַ בילד:
ערגעץ ווו און ערגעץ ווער —
זיצט און ווישט איצט אויס אַ טרער...

ווייס איך קוים איצט — ווער איך בין
און די שיף זיך טראָגט וווהין...
ים! צו דיר — איך איצט געהער...
שיף! צי ווייסטו מיין באַגער?...

טראָג־זשע שיף מיך, בלייב נישט שטיין . . .
טראָג אין עק וועלט מיין געביין . . .
ים! צו דיר — איך איצט געהער;
כ׳האָב נישט ווו צו לאַנדן מער! . . .

פּינסק, 1933 ,9 10

ווייזט אויס

ווייזט אויס, אַז אַזוי וועט פאַרגיין שוין מיין לעבן . . .
עס וועלן, ווי איצטער, פאַרגיין מיינע טעג . . .
ווייזט אויס, אַז דער מאָרגן וועט גאָר מיר נישט געבן . . .
איך וועל שוין אַלץ טרעטן דעם זעלביקן וועג . . .

ווייזט אויס, אַז דער היינט וועט פאַרגיין ווי דער נעכטן . . .
דער מאָרגן וועט קוים שוין מיר ברייגנען מער גליק . . .
כ׳בין מיד פאַר אַ בעסערער צוקונפט שוין פעכטן —
כ׳האָב אויך נישט קיין כוחות זיך ציען צוריק . . .

ווייזט אויס — איך וועל דאָ ביזן סוף שוין פאַרבלייבן . . .
אָט דאָ, ווו עס פרעסן די ספיקות מיך אויף . . .
וואָלט עמיצער קענען מיין עלנט פאַרטרייבן . . .
כאָטש לינדערן עטוואָס דעם לעצטן פאַרלויף . . .

ווייזט אויס, אַז אַזוי וועט פאַרגיין שוין מיין לעבן . . .
עס וועלן ווי ביז איצט פאַרגיין מיינע טעג . . .
ווייזט אויס, ס׳וועט דער מאָרגן מיר גאָר שוין ניט געבן . . .
איך וועל ניט באַטרעטן קיין אַנדערן וועג . . .

פינסק, 7 31, 1933

ווייסע חלומות . . .

ס׳חלומען פעלדער זיך ווייסע חלומות . . .
עס חלומט זיך זיי, אַז זיי זענען שוין אַלט —
צופוסנס בּאַ זיי, ווי אַ שומר, אַ טרייער,
מתפלל איז פרום דער בּאַקיטלטער וואַלד . . .

עס חלומען פעלדער פון ווייסע זאווייען,
וואָס פייפן און הוליען אָן אויפהער, אויף זיי
פון דימענטן ווייסע, מיליאָנען, וואָס פינקלען
דורך זילבּערנע נעכט, אינם קלאָר־ווייסן שניי . . .

פון ווינטן, וואָס קומען צעווייען פון צפון
און רוימען זיי איין, אַז ס׳איז אַלץ שוין פאַרבּיי . . .
אַז אייבּיק אויף זיי וועלן רוען די שנייען —
זיי וועלן שוין קיינמאָל ניט זיין אויף דער פריי . . .

ס׳חלומען פעלדער זיך ווייסע חלומות . . .
עס חלומט זיך זיי, אַז זיי זענען שוין טויט —
און טויזנטער קראָען איצט זענען זיי מספּיד,
נאָך איידער די זון פאַר זיי אייבּיק פאַרגייט . . .

ס׳חלומען פעלדער זיך ווייסע חלומות . . .
עס חלומט זיך זיי אַז ס׳וועט אייבּיק זיין קאַלט . . .

צופוסנס בּאַ זיי שוין בּאַיאָרט און דערפאַרן —
אין בּאָרד, אין דער ווייסער, זיך שמייכלט דער וואַלד . . .

ווינטער אויף פּאָלעסיע

ביינאַכט האָבן פעלדער זיך אָנגעקליידט ווייס . . .
און באַלד האָבן ווינטן צעטראָגן דעם נייס
דורך וועלדער און שליאַכן, אין כאַטעס פון שטרוי,
אַז ס׳איז אויף פּאָלעסיע געפאַלן אַ שניי

און פויערים האָבן מיט שאַריען אויף טאָג —
געגעבן די ווייבער אַ שטרייגנען פאַרזאָג:
דאָס אָנבייסן צוגרייטן גיכער, ווייל באַלד —
שוין מוזן זיי „שפּאַנען" און פאָרן אין וואַלד!

און ווילט זיך דעם פערדל נישט גיין איצט אין שפּאַן:
אין שטאַל איז איצט וואַרים און האָבער פאַראַן . . .
אין דרויסן איז ווינטער — אַ ביטערע קעלט —
דערלאַנגט מיט דער בייטש אים דער פויער און שעלט . . .

עס קנוילן זיך רויכן צום הימל אַרויף,
אַ בלוט־רויטע זון אויף פּאָלעסיע גייט אויף,
דער טייך האָט געשטעלט זיך, דער וועג — אַן אַנטיק —
מען דאַרף איצט נישט האָבן קיין בעסערע בריק

אין שטאָט האָבן גלאָקן צעוויגט זיך: „גלין גלאָן"
עס עפנען זיך לאָדן — דער טאָג הויבט זיך אָן
פאַר וועמען מיט קללות, מיט רופן דעם טויט,
פאַר וועמען — צו פירן אַ לעבן אַ ברייט . . .!

עס קנוילן זיך רויכן צום הימל אַרויף,
אַ בלוט־רויטע זון אויף פּאָלעסיע גייט אויף —
עס וויגן זיך שליטעלעך לוסטיק — „גלין גלאָן" —
עס הויבט אויף פּאָלעסיע דער ווינטער זיך אָן . . .

ווינטער־ליד

וואָס־זשע טראַכסטו, טייער מיידל?
זעץ אין שליטל זיך אַריין! . . .
בלויז אויף דיר אַ קוק צו געבן —
דאַרף מען ניט קיין שטאַרקן ווייַן . . .

קינד! האָסטו געטאָקטע גלידער! . . .
ווי עס שמעקט פון דיר — אַ פּראַכט! . . .
זעסט: סאַ טיפער בלויער הימל,
ס'אַראַ וווּנדער־שיינע נאַכט! . . .

קוק נאָר אָן: וויפל בריליאַנטן!
ס'אַראַ רחבותדיקער וועג!
זעץ זיך, קינד, אַריין, אין שליטל,
און קיין קשיות מער ניט פרעג.

קוק נאָר אָן דאָס אָדלער־פערדל,
ווי ער רייסט זיך פון'ם שפּאַן;
ווי ער וועט דאָס באַלד צעטראָגן —
וויפל כּח נאָר פאַראַן.

דאַרפסט זיך גאָרנישט שרעקן, מיידל:
ריין פון זינד איז מיין געדאַנק . . .
זעץ זיך, קינד, אַריין, אין שליטל,
און ניט שטער איצט מיין פאַרלאַנג.

אפשר וועל איך זיך פאַרגעסן —
גנב'ענען באַ דיר אַ קוש —
זיי מיר מוחל, טייער מיידל,
האָב אויף מיר ניט קיין פאַרדרוס . . .

קושט די זון דאָך אויך די בלומען —
קלערט דען ווער, אַז ס'איז אַ זינד? . . .
זעץ זיך, קינד, אַריין, אין שליטל,
ווייל מיר פאָרן באַלד — געשווינד!

זומער נעכט

קומען זומער־נעכט צוגיין מיט שליאַכן,
קומען לאַנגזאַם־אָן אויף באַרג און טאָל.
מילד און צאַרט, ווי קינדערשע חלומות,
וועקן זיי זכרונות פון אַמאָל . . .

קומען זיי ווי מחנות ווייסע פויגל —
לייגן זיך אויף פעלדער ברייט און ווייט . . .
צופּט דאָס האַרץ אַזוי, און נאָגט און עגבערט —
ווייס איך ניט אַליין וואָס דאָס באַדייט . . .

ווילט זיך מיר אַ הפקר־מענטש דאַן ווערן:
לאָזן זיך אין וועג דאָרט מיטן שליאַך . . .
וואַנדערן דורך פעלדער און דורך וועלדער —
און ניט קימערן זיך פון קיין זאַך . . .

אָנטאָן זיך אין לייווענטענע קליידער —
מיט אַ וואַנדער־שטעקן אין דער האַנד —
וואַנדערן אָן אויפהער און אָן ענדע
לאָזן זיך אָן ציל פון לאַנד צו לאַנד . . .

— — — —

שטייט אַ בוים אין פעלד און דאַוונט זיך ביחידות . . .
שפּילן בלעטער זיך מיט אַ לבנה־שטראַל
טראָגט פון דאָרטן זיך אַ האַרציקע מעלאָדיע;
ס׳טרעלט איר סאָלאָ אויס די נאַכטיגאַל . . .

קען דער בוים אייך פיל דערציילן פון מיין עבר:
ס׳האָט דער בוים געזען אַלץ און געהערט . . .
האַלט דער בוים זיין סוד עקשנותדיק, דערציילט ניט,
כאָטש ס׳האָט קיינער אים דאָס ניט פאַרווערט . . .

זיצט אין וואַלד באַהאַלטן ערגעץ אַ מכשף —
וואַרפט געניטע אויגן אומעטום . . .
ווערן פלוצלינג פעלדער רייצענדער און שענער,
ווערט אַלץ אָנגעפילט מיט פּראַכט אַרום . . .

קוואָקען זשאַבעס מאָנאָטאָן דאָרט אין די לאָנקעס . . .
בילן ערגעץ ווייט אַ מחנה הינט . . .
טובל'ט זיך די לבנה אין אַ ים אַ בלויען . . .
שטיל דעם קאָרן־ים פאַרוויגט דער ווינט

— — — —

בלאָנקעט אום אַ פּאָרל דאָרטן צווישן קאָרן,
וואַרפן בליקן אומעטום מיט חשד . . .
גייט אייך רואיק קינדער, כ'וועל אייך גאָרניט שטערן,
כ'וועל ניט נאָכגיין איצטער אייער סליאַד . . .

כ'בין אַזוי אַמאָל, מיט איר דאָ אויך געגאַנגען —
איצטער אָבער בין איך פון דעם ווייט . . .
ס'איז מיין יוגנט־פרייד אויף אייביק שוין פאַרגאַנגען
אין דעם גרויסן שטורם פון דער צייט . . .

בין איך איצט פאַרליבט גאָר מיט אַן אַנדער ליבע . . .
ס'איז געזעצט און רואיק מיין געדאַנק . . .
כ'האָב געלערנט שוין אַ גוטע לעקציע „ליבע" . . .
גיי איך שוין ניט ווייט מיט מיין פאַרלאַנג . . .

גייט אייך רואיק דאָרטן, קינדער, צווישן קאָרן:
קורץ איז אייער צווייפלהאַפטער גליק . . .
כ'טראַכט איצט מער שוין ניט פון יענע יוגנט־יאָרן —
כ'ווייס זיי קערן זיך ניט אום צוריק . . .

זכרונות

געוועזן איז אין יולי אַ הערלעכע נאַכט;
עס האָט די לבנה די ערד דאַן באַוואַכט . . .
געשמעקט האָבן סעדער מיט רייפנדער פרוכט —
און איך האָב מיין ליבסטער אין שטאָט דאַן געזוכט . . .

מיט בלומען געשמעקט האָבן גאָרטן און פעלד —
נור פינסטער געוועזן איז מיין איינזאַמע וועלט . . .
עס האָט זיך דאָס שלאַנגל באַהאַלטן פון מיר —
און איך האָב אומזיסט זיך געקלאַפּט אין איר טיר . . .

געגאַנגען, געשלעפּט זיך — גאַס איין און גאַס אויס —
און נאָכגעפרעגט זיך אויף איר ווו נור אַ הויז . . .
געשמעקט האָבן גאַסן מיט ליבע און ווין . . .
און זי — איז אַזוי ווי אין וואַסער אַריין . . .

איך האָב זיך געפרעגט אויף איר ווו נור אַ גאַס — .
באַהערשט פון נקמה און שרעקלעכן כעס . . .
עס האָט מיט מיין האַרץ זיך דאָס שד׳ל געשפּילט —
און גלייך אין מיין האַרץ זיך צו טרעפן געצילט . . .

אַ מידער האָב איך זיך אַהיים קוים פאַרשלעפּט —
צופרעסן פון אייפער דעם טאָג קוים דערלעבט . . .
איך האָב דאַן געשוואָרן פאַרגעסן אָן איר —
און איינמאָל פאַר אַלע איר ווייזן די טיר . . .

די זון איז פאַרגאַנגען, דער טאָג איז אַוועק —
איך האָב זיך געלאָזן אַליין מיטן וועג . . .
געגאַנגען, געשלעפּט זיך אָן צוועק און אָן ציל,
באַהערשט פון אַ נאָגנדן יאוש־געפיל . . .

און פלוצלינג — איר שטימע... ווי מילד און ווי צאַרט
געקלונגען האָט זי דאַן פאַר מיר יענע נאַכט...
זי האָט זיך פאַרענטפערט — און איך האָב געגלויבט —
און גלייך האָט זי ווידער מיין שכל באַרויבט...

איך האָב ווי אַ קינד איר געצערטלט, געקושט —
פאַרלאָרן דעם שכל — געוועזן צוחושט...
און ווידער האָב איך שוין איר ליבע באַגערט...
און ווידער געוואָרן בין איך איר אַ קנעכט...

און אָט אויף דעם דאָזיקן שכורן גאַנג —
פאַרגעסן האָב איך, אַז איך צערטל אַ שלאַנג
געטרונקען מיט גרויסער הנאה איר גיפט —
פאַרגעבן איר אַלץ — און געוועזן פאַרבליפט...

אויך היינט נאָך, ווען ס׳שיידט אונז אַ פאָר צענדליק יאָר,
פאַרנעם איך דעם ריח פון פעך־שוואַרצע האָר —
איר אָטעם דעם הייסן — איר ברויזנדע בלוט,
וואָס שטאַרקט און באַלעבט מיין געפאַלענעם מוט...

פינסק, 1932 ,14 7

חשבון הנפש

און שטענדיק, ווען ס׳קומען די ימים־נוראים —
דאָס אויסדערוויילט פאָלק פון דער גאַנצער וועלט גוים,
אין שולן פאַרזאַמלען זיך שרייען צו גאָט —
דאַן לאָז איך זיך גיין מיטן וועג פון דער שטאָט . . .

און העט דאָרטן, ווייט, אונטער האַרבסטיקע הימלען,
ווו פויגעלעך זיצן פאַרדאגה׳ט און דרימלען —
געפין איך אַ בוים ערגעץ אָן אַ זייט שטיין,
ווו כ׳זעץ זיך און פריי די געדאַנקען לאָז גיין . . .

דאָרט מאַך איך אַ חשבון הנפש פון לעבן,
וואָס ס׳האָט דאָס פאַרגאַנגענע יאָר מיר געגעבן . . .
עס טראָגט אין די הימלען זיך אַזש מיין געדאַנק —
און ס׳טוט פאַר דער וועלט מיר אַזוי עפּעס באַנג! . . .

און כ׳טראַכט זיך: צו קען מען דען אָפּנאַרן גאָט —
און מאַכן אַ פּירוש צו יעדן געבאָט? . . .
און איינוויקלען שטענדיק אין ריינקייט די שמוץ,
און ציען טאָג־טעגלעך פון דעם בלויז אַ נוץ? . . .

צו האָבן אין אמתן די נור די זינד,
וואָס לעבן אַזוי ווי פאַרוואָגלטע הינט,
און ברעכן אויף סקאָרינעס האַרטע די ציין,
און ווייסן ניט מער ווי דעם טעם פון אַ ביין? . . .

צו האָט דען אַ פּנים דאָס שרייען צו אים? . . .
צו גייט אים דען בלויז אין אַ העכערער שטים? . . .
צו ווייס ער אַליין ניט און ווערט ניט געוואָר,
וואָס ס׳האָט יעדער איינער געהאַט פאַראַ יאָר? . . .

און וואַנדערן ווייטער לאָז איך מיין געדאַנק,
און לאָז אים אַלץ גיין מיט דעמזועלביקן גאַנג:

צו האָט טאַקעווירקליך אַזוי גאָט געמיינט,
אַז מענטשן, וואָס ער האָט אַליין זיי געקרוינט —

און האָבן די אמת׳ע תורה פאַרשוועכט,
און האָבן בּאַ גוים פאַרקויפט זיך פאַר קנעכט,
און טוען קאַפּויר אַלץ, דעם היפוך דערפון,
וואָס ער האָט זיי אָנגעזאָגט אונטער דער זון —

דאָס זיי זאָלן קומען און שרייען צו אים
און ער וועט פאַרנעמען פון תּפילה די שטים,
און וועט פאַר די נישטיקע פּרוטה׳ס אַ נאָר —
זיי אָנשרייבּן גלייך שוין אַ גליקלעכן יאָר?

און לאַנג, שעהן־לאַנג, דאָרטן זיץ איך און קלער —
בּיז ס׳ווערט אויפן האַרצן מיר אומעטיק, שווער —
דאַן לאָז איך מיט האַסטיקע טריט זיך אַ היים
און האַרצלעך געזעגן דעם איינזאַמען בּוים . . .

איך גלויבּ אין דער אייבּיקער געטלעכער קראַפט,
וואָס האָט אַלץ בּאַשאַפן און אַלץ וואָס בּאַשאַפט . . .
עס איז מיין געוויסן בּאַפרידיקט און ריין:
ווי קען מען אָט די אַלע סתּירות פאַרשטיין? . . .

און שטענדיק, אין אַלע די פאָרכטיגע טעג,
לאָז איך זיך אַוועק מיטן איינזאַמען וועג . . .
עס וועלן די הימלען פאַרשטיין מיין געבּעט,
כאָטש איך וועל אין שול זיך ניט שלאָגן „על חטא״ . . .

פּינסק, 1932 ,24 9

טעג . . .

קומען טעג, פון גאָט געבענטשטע,
זון־באַקרוינטע, פול מיט פרייד . . .
דוכט זיך: ס׳לאַכט די גאַנצע וועלט דאַן
און זי ווייסט נישט פון קיין נויט . . .

קומען טעג, ווי יונגע מיידלעך,
שטיפערישע, פול מין חן . . .
דוכט זיך דיר, אַז אין דער וועלט אַלץ
איז האַרמאָניש און איז שיין . . .

קומען טעג אויף אָדלער־פליגלען
און פאַרגייען ווי אַ בליץ . . .
ווייזט דיר אויס, אַז ס׳איז דאָס לעבן
מער נישט ווי אַ שיינער וויץ . . .

קומען טעג, נישט אויסגעשלאָפן,
זונלאָז, נעפלדיק און וויסט . . .
דוכט זיך דיר: די וועלט איז חרוב
און דער הימל טרערן גיסט . . .

קומען טעג, ווי מכשפות,
גרוי און העסלעך, און געמיין . . .
דוכט זיך דיר, די וועלט איז מיאוס
און דער מענטש איז אָן אַ היים . . .

קומען טעג, פון גאָט פאַרשאָלטן —
ציען זיי זיך ווי פון פעך . . .
וואָיען ווינטן דורכן קוימען —
פויקן שדים ווי אין בלעך . . .

טעג איר שיינע, פון דער יוגנט
כ׳האָב אייך ווינציק וואָס געזען! . . .
טעג איר טריבע, פּעכיג־לאַנגע,
ווען ווערט איר פאַרגיין שוין, ווען? . . .

טריבע פאַרטאָגן

פון ערגעץ אַן עלנט־פאַרוואָגלטן לאַנד,
מיט אייביקע שנייען פון ראַנד ביזן ראַנד —
דערגרייכן צו אונז זיי, אויף פליגלען פון ווינט
אויף שליאַכן צעזייטע — פאַר עפּעס אַ זינד . . .

און רייטן אויף וואָלקנס אַרום נאָכאַנאַנד,
און זוכן אַליין ניט אַרום קיין באַשטאַנד . . .
פון קיינעם באַקימערט, אויף הפקר׳ס באַראָט,
אויף וועגן צעוואַלגערט, פאַרשאָלטן פון גאָט . . .

זיי קומען פון ערגעץ אַן אייז־קאַלטער היים,
ווו זעלטן אַ גרעזל צו זען איז, אַ בוים —
און ווייט אויף די פעלדער צולייגן זיך ברייט,
און לאָזן די זון ניט אַרויס פון איר שייד . . .

פון ערגעץ אַ וויסטן, פאַרוואָרלאָזטן לאַנד,
וואָס איז נאָך אינגאַנצן דער וועלט אומבאַקאַנט,
פאַרשלעפּן זיי זיך צו אונז, גאָר אָן אַ צוועק,
און ווילן שוין גאָר ניט פון דאַנען אַוועק . . .

און וואַרפן אַן אומעט אויף וואַלד און אויף פעלד,
און שוידערן מאַכן די בוימער פאַר קעלט . . .
און רוען אויף דעכער, אויף גאַסן פון שטאָט —
און אומהיימלעך זינגען דורך טעלעגראַף־דראָט . . .

פון ערגעץ אַן עלנט־פאַרנעפּלטן לאַנד,
ווו ס׳לויערן חיות אויף רויב נאָכאַנאַנד —
פאַרשלעפּן זיי זיך אויף די פליגלען פון ווינט,
אויף וועגן צעוואַלגערט — פאַר עפּעס אַ זינד . . .

פינסק, 1932 ,27 6

זון־אונטערגאַנג

ווען פעלדער טוב׳לען זיך אין פורפור־רויט פון שקיעה,
און מיד פון טאָג, צו רו גענייגט איז יעדע בריאה —
דאַן האָב איך דוכט זיך איין־און־איינציקן פאַרלאַנג
מיטן זון־אונטערגאַנג . . .

ווען וועלדער קריאת־שמע לייענען פאַרן שלאָפן גיין;
און ס׳ציען מחנות פויגל פון דעם טאָג אַ היים —
דאַן ווערט מיר עפּעס אַזוי אומעטיק און באַנג
מיטן זון־אונטערגאַנג . . .

ווען גלאָקן רופן ערנסט צו דעם נאַכטיקן געבעט;
און ס׳שלעפּט זיך מיטן וועג אַ בעטלער ווי אַ סילועט —
פאַרנעם איך דוכט זיך טרויער אין דעם גלאָקן־קלאַנג
מיטן זון־אונטערגאַנג . . .

פאַרביינקט זיך מיר נאָך ברייטע, ווייטע האָריזאָנטן,
נאָך אַן ערנסט אויפריכטיקן חבר און אַ נאָנטן
זוך אַ טרייסט איך אין דעם פויגלס זיס געזאַנג
מיטן זון־אונטערגאַנג

ווען פעלדער טוב׳לען זיך אין פורפור־רויט פון שקיעה;
און מיד פון טאָג צו רו געגויגט איז יעדע בריאה —
דאַן האָב איך דוכט זיך איין־און־איינציקן פאַרלאַנג
מיטן זון־אונטערגאַנג

פינסק, 8 5, 1932

„טשאַקאַ״

„די שיף מיט די אַרויסגעשיקטע „פאַרבּרעכער״ פון אַרגענטינאַ, וועלכע קיין לאַנד האָט בּיז איצט ניט געוואָלט אויפנעמען״.
(פון די צייטונגען).

טראָגט זיך אַ שיף איבּער שטורמישע כוואַליעס . . .
שטורמיש און ווילד איז דער ים . . .
קען זיך די שיף צו קיין בּרעג ניט דערשלאָגן:
מ׳ציטערט פאַר איר ווי פאַר סם.

פירט זי מיט זיך ניט קיין גאָלד און בּריליאַנטן,
פירט ניט דעם טייערן מין . . .
„אַ לאָדונג״ מיט מענטשן פון לאַנד אַרגענטינאַ
פירט זי — און ווייס ניט וווהין . . .

ס׳זענען די לענדער זיי קיינעם ניט גערן,
די ניט קיין געבּעטענע געסט . . .
בּאָדן זיך מענטשן אין טייכן פון טרערן . . .
ס׳ווייכן זיי האַפנס ווי פעסט . . .

טראָגט זיך אַ שיף איבּער שטורמישע כוואַליעס,
טראָגט זיך חדשים שוין לאַנג . . .
טראָגט זיך אַ שיף פונם לאַנד אַרגענטינאַ —
פירט זי אַ שרעקלעכן „פאַנג״ . . .

פירט זי געפאַנגענע מענטשן ווי חיות,
טיף אין אַ קעלער פאַרשפּאַרט . . .
טאָרן די מענטשן קיין לופט ניט געניסן
און זענען אויף שלעסער פאַרמאַכט . . .

פירט זי „פאַרבּרעכער״ פון לאַנד אַרגענטינא . . .
פאַרשטייען ניט מענטשן דעם פּשט:

האָט דאָך דאָס לאַנד אַרגענטינאַ געזעצן,
פאַר גנבה, פאַר מאָרד און פאַרראַט . . .

הויבן אָן מענטשן אין לענדער זיך סודן . . .
ראַש דער געוויסן דערוואַכט . . .
הויבן אָן מענטשן אין לענדער צו מורמלען,
קריגן די מענטשן פאַרדאַכט . . .

ווייסן די מענטשן פון שיף ניט וואָס זאָגן,
פילן אויף זיך ניט קיין חטא . . .
מ׳האָט זיי אין ברען פון „באַפרייאונגס״־התלהבות —
אַרויסגעשלעפט פשוט פון בעט . . .

עפענען לענדער שוין טויערן, טירן
נעמען די בירגער צוריק . . .
פרייט זיך די מאַנשאַפט פון „טשאַקאַ״ און יובלט:
ס׳האָט זיי געטראָפן אַ גליק

טראָגט זיך אַ שיף צו דעם לאַנד אַרגענטינאַ,
טראָגט זיך אַ ליידיקע שוין . . .
ס׳איז אַרגענטינאַ „באַפרייט״ פון פאַרברעכערס,
„פריי״ פון פאַרברעכנס — און „ריין״ . . .

יאָרן גייען . . .

(דעם יאָר 1933 אַ מתנה)

יאָרן גייען, יאָרן לויפן
אין דער אייביקייט אַוועק;
און זיי הויפן זיך און הויפן —
אָן אַ סוף און אָן אַן עק . . .

שלעפּן זיי אונז מיט די יאָרן
אין געהיימן קעניגרייך:
גייען מיר מיט זיי פאַרלאָרן,
שטאַרבן אויך מיט זיי צוגלייך . . .

גייען יאָרן און פאַרשווינדן,
אָן אַ סוף און אָן אַ ברעג;
לאָזן זיי מיר ווי אַ בלינדן
טאַפּן אויף דעם לעבנס־וועג . . .

קאָן איך אַלץ זיך ניט דערוויסן
באַ דעם לעבן זיין באַדייט . . .
ווייס פון אים ניט ווי געניסן,
ווי צו כאַפּן פון דער צייט . . .

— יאָרן גייען און פאַרגייען
— נייע קומען פריידיק אָן
שטייען אָן אַ שיעור, אין רייען,
יעדער מיט אַן אַנדער פּאָן . . .

אַלע פון איין גאָט געבוירן,
גלייך פון רוים און צייט באַשטימט,
גייען זיי ניט גלייך פאַרלוירן,
בלייבן גלייך אויך ניט באַרימט . . .

האָבן מענטשן זיי אַ נומער,
יעדן איינעם צוגעטראַכט . . .
טראָגן זיי אים ווינטער, זומער,
ווי בּייטאָג, אַזוי בּיינאַכט . . .

קומט אַ ניי־יאָר אָן צו רייטן —
הייסט מען גלייך דעם אַלטן גיין . . .
זעט דער אַלטער אים פון ווייטן —
טראָגט ער זיך שוין אָפּ אַליין . . .

ווערט אַמאָל אַ יאָר אויך קומען,
וואָס מיט מיר פאַרשווינדן וועט —
אָן פּאַראַדן און אָן בּלומען,
אָן אַ פייערלעך געבּעט

— — — —

יאָרן גייען, יאָרן לויפן
אין דער אייבּיקייט אַוועק;
און זיי הויפן זיך און הויפן . . .
ווייס איך קוים — צו וועלכן צוועק . . .

פּינסק, 1933 ,1 1

כ׳בין . . .

כ׳בין אַ זאַמדינקע פון מדבר
און אַ טראָפּן אינם ים . . .
כ׳וואָגל אום דאָ דורך אַ צופאַל —
און אַ צופאַל איז מיין שטאַם . . .

כ׳בין אַן אָפּגעריסן בלעטל
פון אַ ריזיק־גרויסן וואַלד —
הפקר פאַר די בייזע ווינטן,
אָפּן פאַר דעם שטורמ׳ס גוואַלט . . .

טראָגט דער שטורם מיך דורך יאָרן,
שפּייט מיר אויס דער אָקעאַן . . .
און מיין קול — אַ שטים אין מדבר . . .
בין איך דאָ און ניט פאַראַן . . .

ס׳איז מיין לעבן — ריינער צופאַל . . .
כ׳וואָגל אום דאָ גאַנץ אומזיסט . . .
ערגעץ ווו, אויף פוסטע פעלדער,
גלאָצט אַ ווינקעלע, אַ וויסט . . .

ערגעץ ווו, אויף פוסטע פעלדער,
וועט אַמאָל אַ סימן שטיין,
וואָס וועט יעדן שטום דערציילן,
ווו ס׳צעפאַלט זיך מיין געביין!

כ׳בין אַ זאַמדינקע פון מדבר
און אַ טראָפּן אינם ים . . .
כ׳וואָגל אום דאָ דורך אַ צופאַל —
און אַ צופאַל איז מיין שטאַם . . .

כ׳בין אַ פויגל אין אַ שטייג . . .

כ׳בין אַ פויגל אין אַ שטייג,
אָן אַ עכטן בוים און צווייג;
פון דער פרייהייט לאַנג באַרויבט . . .
ווינציק וואָס איז מיר דערלויבט . . .

ווייט פון פרייען וואַלד און פעלד —
איז דאָס שטייגל — גאָר מיין וועלט . . .
וויל איך העכער טאָן אַ פלי —
זע איך באַלד — אומזיסט מיין מי! . . .

אין אַ שטורם־ווינד און ווי —
ס׳איז געווען דער הימל גרוי —
האָט אַ שוואַרצער, בייזער לץ,
מיר געפאַנגען אין זיין נעץ . . .

צוליב קערנדלעך אַ פּאָר
(ס׳איז געווען אַ הונגער־יאָר) . . .
האָט מען מיר באַרויבט מיין רעכט
און פאַרוואַנדלט אין אַ קנעכט . . .

זינג איך, ווען איך וויינען וויל —
מוז געהאָרכזאַם זיין און שטיל . . .
כ׳בין אַ פויגל אין אַ שטייג —
הער איך אַלץ, און זע, און שווייג . . .

טרעפט אַמאָל — אין חלום נאָר —
זע איך, פונקט ווי אויף דער וואָך,
פעלדער ווייטע, באַרג און טאָל
און איך פלי, אָט ווי אַמאָל —

מיט מיין ווייבל, יונג און שיין,
העט, אין וואַלד דאָרט, אויף אַ בוים,

בוי איך זינגענדיק אַ נעסט —
הויך צו פליען זיך פאַרמעסט . . .

קוש איך ס׳ווייבל מיין, ווי גוט —
ס׳פליסט אין מיר אַנ׳אַנדער בלוט . . .
כ׳האָב מיין פרייהייט שוין צוריק —
פיל איך — ס׳איז דאָס העכסטע גליק . . .

כאַפּ איך אויף זיך פונם שלאָף —
נעמט צו אַלץ אַ וויסטער סוף . . .
זינג איך — כאָטש איך ווײנען וויל —
און באַוויין מיין טויטן ציל . . .

כ׳בין אַ פויגל אין אַ שטייג,
אָן אַ עכטן בוים און צווייג . . .
זינג איך, ווען איך ווײנען וויל —
מוז געהאָרכזאַם זיין און שטיל . . .

פינסק, 1933 ,7 1

כ׳בין געגאַנגען

כ׳בין געגאַנגען און געפאָרן,
און פאַרטאַכליעוועט די יאָרן . . .
זוכן זיי איצט — האָט קיין זינען:
כ׳וועל סיי ווי זיי נישט געפינען,

כ׳האָב צעזייט זיי אויף די וועגן,
לעם אַטלאַנטיק׳ס ווייטע ברעגן
און אויף רוסלאַנד׳ס פעלדער ווייטע,
ווי אויף ריינלאַנד׳ס בערג פאַרשייטע . . .

כ׳בין געגאַנגען און געפאָרן,
און די יוגנט ווו פאַרלאָרן . . .
האָב איך נישט באַ וועמען פרעגן —
כ׳האָב צעזייט זי אויף די וועגן

צי אין זעלנערישע זאַכן,
אויף ראַזיאַנער ברייטע שליאַכן;
אָדער ערגעץ — אָפּגעריסן,
זשעדנע טרוקן ברויט, אַ ביסן . . .

אָדער הינטער הויכע צאַמען,
צווישן הונדערט פעלקער שטאַמען;
אויף שאַמפּאַניען׳ס ערד פאַרוויסטער
אַלס אַ דייטשער שקלאַף אומזיסטער . . .

כ׳בין געגאַנגען און געפאָרן
און די יוגנט ווו פאַרלאָרן . . .
וואָלט איך אין עק וועלט געלאָפן
ווען זי טרעפן דאָרט כ׳זאָל האָפ׳ן . . .

כ׳בענק . . .

כ׳בענק נאָך אַ לאַנד, וואָס מ׳דאַרף נאָך אַנטדעקן,
וואָס איז נאָך אין ערגעץ דערווייל ניט פאַראַן;
ווו ס׳אַרבעטן מענטשן אין אַלע פיר עקן
און ס׳האָט אויך די אַרבעט אַ חשיבות, אַ טעם . . .

כ׳בענק נאָך אַ לאַנד, וואָס איז אויסער דער מאַפּע,
ווו ס׳אַרבעטן בּירגער זיך רואיק און שטיל;
ווו ס׳דריקט ניט דעם מענטשן קיין חיה׳שע לאַפּע
ווו אַלע נור האָבּן אַ העכערן ציל . . .

כ׳בענק נאָך אַ לאַנד, ווו עס ווייס דאָרטן קיינער —
וואָס איז אַזוינס פאָלק און וואָס איז אַזוינס לאַנד . . .
ווו איינער דעם אַנדערן לעגט ניט קיין שטיינער . . .
ווו ס׳הערשט איבּער אַלץ בּלויז פאַרנונפט און פאַרשטאַנד . . .

כ׳בענק נאָך אַ לאַנד, ווו עס ציען זיך פעלדער,
פון הימלען געבּענטשטע און זאָרגלאָז פאַרזייט . . .
ווו וועגן זיך שלענגלען אין טאָלן, דורך וועלדער,
און בּאַנען בּאַזאָרגן די בּירגער מיט בּרויט . . .

כ׳בענק נאָך אַ לאַנד, ווו ווי זאָרגלאָזע קינדער
עס שפּאַנען די בּירגער צוזונגען, צושטראַלט . . .
ווו פרעמד דער בּאַגריף איז פון רויבּער און שינדער —
און ס׳ווערן די מענטשן גאָר קיינמאָל ניט אַלט . . .

כ׳בענק נאָך אַ לאַנד, ווו אין העכערע שולן
פאַרטראָגן סטודענטן זיך חבריש, גוט . . .
ווו ס׳פליען ניט אויפן פראָפעסאָר קיין שטולן . . .
און ס׳ווערט ניט בּיים לערנען פאַרגאָסן קיין בּלוט . . .

כ׳בענק נאָך אַ לאַנד, וואָס מ׳דאַרף נאָך אַנטדעקן,
וואָס איז נאָך אין ערגעץ דערווייל ניט פֿאַראַן;
ווו ס׳אַרבעטן מענטשן אין אַלע פיר עקן
און ס׳האָט אויך די אַרבעט אַ חשיבות, אַ טעם . . .

פינסק, 1932 ,12 6

כ׳האָב דעם וועג . . .

כ׳האָב דעם וועג צו גאָט פאַרלוירן —
בלאָנקע איך אַזוי אַרום
און איך קאָן אים נישט געפינען,
ווייל די וועגן זענען קרום . . .

כ׳האָב דעם וועג צו מענטש פאַרלוירן —
בלאָנקע איך אַזוי אַרום
און איך קאָן אים נישט געפינען,
ווייל ס׳איז פינסטער אומעטום . . .

זוך איך אין דער וועלט אַ גלויבן,
וואָס פון ספיקות זיין זאָל ריין . . .
ווען דעם וועג צו אים כ׳זאָל וויסן —
וואָלט איך גערן מיט אים גיין . . .

נאָר ווי קאָן איך אים געפינען,
ווען אַרום איז שוואַרצע נאַכט;
ווען דער מענטש, אי טיר, אי טויער,
פאַר זיין ברודער האָט פאַרמאַכט . . .

כ׳האָב דעם וועג צו גאָט פאַרלוירן
בלאָנקע איך אַזוי אַרום
און איך קען אים נישט געפינען,
ווייל די וועגן זענען קרום . . .

פינסק, אין אויגוסט 1934

כ׳ווייס . . .

כ׳ווייס, אַז דער מאָרגן וועט זיין ווי דער היינט —
און כ׳וועל, דוכט, שוין קיינמאָל, געפינען אַ פריינט,
וואָס אויפריכטיק, ערלעך עס זאָל מיר פאַרשטיין . . .
כ׳ווייס: איך וועל אייביק שוין בלייבן אַליין . . .

כ׳ווייס, אַז עס זענען די מענטשן צו שלעכט —
און ס׳איז זיי שוין אייביק צו בלאָנדזשען באַשערט . . .
כ׳ווייס, אַז אָט די, וואָס עס פריידיקן שיין —
אין לעבן דאָס קיינמאָל ניט טוען אַליין . . .

כ׳קען זיי די מענטשן, אָ, כ׳קען זיי צו גוט —
זיי גיבן אין לעבן מיר ווינציק וואָס מוט . . .
כ׳ווייס, אַז אָט גראָד פון יצירה דער בחיר —
איז בלוטדורשטיקער פון אַ בלוטדורשטיק טיר . . .

כ׳ווייס: ס׳האָט דאָס לעבן אַ העכערן צוועק —
און ס׳גייען אין גאָרנישט אַוועק מיינע טעג . . .
כ׳ווייס — נאָר איך קאָן גאָרנישט העלפן דערצו —
און כ׳האָב טאַקע קיינמאָל דערפאַר ניט קיין רו . . .

כ׳ווייס . . . נאָר וואָס קומט מיר אַרויס, אַז איך ווייס,
אַז כ׳בין אין דער וועלט נאָר אַ נישטיקער „בלויז״ . . .
אַז כ׳בין מיט מיין זינגען אַ בטלן ניט מער —
און כ׳קאָן בלויז פאַרבייסן מיט מיינער אַ טרער . . .

כ׳ווייס, אַז דער מאָרגן וועט זיין ווי דער היינט —
און כ׳וועל, דוכט, שוין קיינמאָל, געפינען אַ פריינט,
וואָס אויפריכטיק, ערלעך עס זאָל מיר פאַרשטיין . . .
כ׳ווייס: איך וועל אייביק שוין בלייבן אַליין . . .

פינסק, 10 23, 1932

כ׳טראָג אין האַרצן . . .

כ׳טראָג אין האַרצן, טיף, אַ שנאה
און פאַרביטערונג אַ ים;
כ׳האָב, אַלס קינד נאָך, איינגעזויגן
מיט מיין מאַמעס מילך דעם סם . . .

כ׳טראָג אַ האַס אויף וועלט און מענטשן
און מיר שיינט, אַז ניט אומזיסט:
ווער, אויב ניט דער בחיר־היצירה —
וועלט און לעבן האָט פאַרוויסט? . . .

כ׳טראָג אין האַרצן טיפן אומעט
און איך גלויב, אַז ס׳איז מיט רעכט:
ווייל אין אונזער וועלט דאָס לעבן
האָט קיין חשיבות ניט, קיין ווערט . . .

כ׳טראָג אין האַרצן טיפן טרויער
און אַ גוואַלדיקן פאַרדרוס,
וואָס די יאָרן מיינע לויפן
אָן דעם מינדעסטן געניוס . . .

כ׳בין פאַרביטערט אויף די מענטשן,
וואָס זיי שטויסן אָפּ דאָס גליק —
וועלכע גייען איין טריט פאָרווערטס
נאָכדעם לויפן צען צוריק . . .

כ׳בין פאַרביטערט אויף די מאַסן,
וועלכע פאָלגן תּמיד בלינד —
און דערזעענדיק נאָר ביינדלאַך
רייסן שוין זיך ווי די הינט . . .

כ׳בין פאַרביטערט אויף די פירער,
אויף די לערער פון מאָראַל,

וועלכע, בעת אַ וועלט־בהלה,
לאָזן טרינקען זיך דעם כלל . . .

כ׳טראָג אַ טיפן צער אין האַרצן
און פאַרביטערונג אַ ים . . .
כ׳בין ניט שולדיק: כ׳האָב אַלס קינד נאָך,
איינגעזויגן שוין דעם סם . . .

פינסק, 1933 ,18 11

לידער פון דער פרעמד

כ׳בין אַ פרייוויליק — פאַרשיקטער
(ווייס איך נישט פאַר וועלכע זינד...)
אויף אַן אינזל, אויף אַ ווייטן,
ווו עס הוליעט פריי דער ווינט...

הער איך אָפט זיך צו צום וואָיען
פונם שטורם אין דער נאַכט,
ווען ס׳צעשפּילט זיך דער אַטלאַנטיק
און אויף שטאָלצע פעלזן קראַכט!...

טרייסלט זיך מיין גאַנצער וועזן
און איך קלער: עס קומט אַ סוף!...
מאַטערן אַזוי רעיונות —
ביז ס׳איז גובר זיי דער שלאָף...

וועלן יאָרן גיין און קומען
און איך וועל מיט זיי פאַרגיין...
כ׳ווייס: ס׳וועט אין אַ לאַנד, אַ פרעמדן,
ערגעץ פוילן מיין געביין...

איז דאָך דוכט קיין נפקא מינה:
טויט איז העסלעך דאָ און דאָרט!
וואָס־זשע וויל דער מענטש נאָר שטאַרבן
ס׳רוב אויף זיין געבוירן־אָרט?!...

דוכט זיך מיר: ס׳איז ריינער אומזין —
ס׳ווייס דער מענטש נישט וואָס ער וויל...
ס׳איז דער מענטש — אַ גרויסער דורכפאַל
און עס נאַרט אים אָפּ דער ציל...

גלייס־ביי, 10 3, 1937

דער לעגענדאַרער דעמב

(לויט דוד איינהארן)

אויף ליטווישע פעלדער, ניט ווייט פון אַ שליאַך,
אַ מעכטיקער דעמב דאָרטן שטייט אויף דער וואַך,
וואָס דורות דערצויגן שוין האָט אין זיין שויס
און מעשה׳לעך פיל צו דערציילן ער ווייס:

פאַרצייטן, ווען מענטשן געווען זענען „ווילד״,
און ס׳האָט די קולטור ניט געהאַט נאָך קיין שילד;
ווען פרידלעך דער פויער זיין פעלד האָט פאַרזייט
און ס׳איז ניט געווען נאָך קיין דאגה פון ברויט —

געדינט האָט דער דעמב, מיט זיין פרעכטיקן אָרט,
פאַר וואַנדערער מידע צו אָפּרוען דאָרט . . .
אין שאָטן, אין רייכן, פון מעכטיקן בוים —
דער וואַנדערער, זומער, געהאַט האָט אַ היים . . .

אין זילבערנע נעכט, ווען פון בעסטן פּערפום
פאַרשיכּורט געווען זענען פעלדער אַרום —
פיל פּאָרעלעך יונגע, אין זיין גרינעם שויס,
ניט איינמאָל געליבּט האָבן דאָרטן זיך הייס . . .

— — — —

זייט דאַן זענען יאָרן אַוועק שוין, אַ סך,
און ס׳שטייט עד היום נאָך דער דעמב אויף דער וואַך,
און שפּרייט אויס זיין שאָטן אויף פעלדער נאָך, ווייט —
פאַרעלטערט געוואָרן ערשט דאָ, לעצטע צייט:

עס האָט ניט איין שטורם זיין שטאַם דאַן געוויגט,
ווען ס׳האָבן די פעלקער געיובלט, „געזיגט״ . . .
געקלאָגט האָט געגנוג און געיאָמערט דער ווינט,
ווען ס׳האָבן די צווייגן אַלס תּליות געדינט! . . .

עס האָבן דאַן מענטשן פון שנאה, פון האַס,
פאַרלאָרן אין גאַנצן דעם שכל, דעם דעת . . .
געלאַכט ווי די ווילדע, פון צאָרן גאַנץ בלינד,
ווען מענטשלעכע גופים געוויגט האָט דער ווינט! . . .

עס קומט איצט ניט קיינער צום דאָזיקן בוים
און ס׳מאַכט ניט דער וואַנדערער מער דאָרט זיין היים . . .
דאָרט יאָמערן ווינטן — אַ שרעקלעך געוויין! . . .
פאַראיינזאַמט אין פעלד שטייט דער דעמב איצט אַליין . . .
פינסק, 1932 ,7 5

לעגענדע

ניט ווייט פון מוסאָן, אויף פראַנצויזישער ערד,
ביים ראַנד פון אַן איינזאַמען שליאַך;
שפּרייט אויס דאָרט זיין שאָטן אַן אור־אַלטער דעמב
און דורות־לאַנג שטייט אויף דער וואַך . . .

אין שויס פון דעם אַלטן גיגאַנטישן בוים,
פאַר פרעמדע פאַרבּרעכנס און זינד;
אַ זעלנער געפאַלן איז ווייט פון זיין היים,
פאַרוואָגלט פון ווייב און פון קינד . . .

דערציילן די מענטשן פון יענעם געביט:
דאָס ווי נור עס שלאָגט האַלבּע נאַכט;
דערשיינט דאָרט דער זעלנער פון בּערגל אַרויס,
געקליידט אין זיין זעלנערשער טראַכט . . .

און שעה׳ן־לאַנג וואַנדערט ער דאָרטן אַרום
און זוכט וואָס אויף בּאַרג און אין טאָל . . .
און פּלוצלינג צעוויינט ער זיך פונקט ווי אַ קינד,
פאַרבּיטערט און הויך אויפן קול . . .

דאַן רופט ער, מיט ליבּע, זיין ווייב און זיין קינד
און וויינט מיט אַ שרעקלעך געוויין —
וואָס וואַרפט אָן אַ פּחד אויף מיילן אַרום
און רירט אויפן וועג יעדן שטיין . . .

און ווי נור עס הויבּט זיך אָן בּלייכן אויף טאָג,
עס וועקן זיך פעלדער פון שלאָף;
דאַן שלייכט ער צוריק אין זיין אייביקע רו
און ס׳נעמט צו זיין ליידן אַ סוף . . .

— — — —

אויפֿן וועג קיין מוסאָן אין פֿראַנצויזישן לאַנד,
פֿאַרלאָזן אין פֿעלד בײַ דעם שליאַך;
אַן אָרעמע שטיבעלע שטייט דאָרט אַליין
מיט אַן אַלטן צובראָכענעם דאַך . . .

דאָרט וווינט אַן אַלמנה מיט איר איינציק קינד;
דער מאַן איז געפֿאַלן אין קריג . . .
אין שלאַכט בײַ דער מאַרנע, פֿאַר פֿאָטערלאַנד׳ס רום,
פֿאַר פֿראַנקרייכ׳ס היסטאָרישן זיג . . .

אין פֿרילינג, ווען ס׳גרינט זיך פֿראַנצויזישע ערד,
ס׳צובליט זיך אַרום די נאַטור;
דאַן ווערט די אלמנה מיט איר איינציק קינד
פֿאַרפֿאַלן אָן יעטוועדן שפּור . . .

דערציילט מען: זי זיצט בײַ דעם איינזאַמען דעמב,
און כליפּעט און וויינט אויפֿן קול . . .
און ווייט אין אַן עכאָ צוטראָגט זיך איר ווײ
ווייט — איבער באַרג און טאָל . . .

פּינסק, 1932 ,12 5

לעצטע זומער־טעג

לעצטע זומער־טעג און לעצטע יוגנט־יאָרן,
ס׳האָט דער גורל אייך באַהאַנדלט גלייך:
ביידע גייט איר אין דער אייביקייט פאַרלאָרן —
ביידע זענט איר אין זכרונות רייך . . .

לעצטע זומער־טעג און לעצטע יוגנט־יאָרן,
ביידע טוט איר מיר אי וויי, אי באַנג;
ביידע זענט איר מיט איין מזל, דוכט, געבאָרן —
ביידע האָט איר אַ צוזאַמענהאַנג . . .

ווייסט איר ביידע שוין גענוי דעם זין פון לעבן . . .
ביידע האָט איר אים שוין גוט שטודירט . . .
זענט איר זאַט שוין פון איליוזיעס כסדר וועבן . . .
ווייסט איר שוין צו וואָס דאָס אַלץ עס פירט . . .

הויבן פויגעלעך אונז אָן שוין צו פאַרלאָזן.
שפּעט די זון גייט אויף און פרי פאַרגייט.
בוימער שטייען שטיל, די קעפּ אַראָפּגעלאָזן —
שטייען ווי פאַרמשפּט׳ע צום טויט . . .

קלינגען שוין קיין לידער מער ניט אויף די פעלדער.
קלייבן זיך באָטשאַנעס שוין אין וועג . . .
ציען, העט דאָרט, ווילדע גענז, מיט אַ געפּילדער —
פילן שוין די לעצטע זומער־טעג . . .

קומען זיי צוגיין פאַרנעפּלטע און גרויע . . .
שטייט דער האַרבסט שוין נאָענט, אויפן שוועל . . .
אונטער הימלען טיף־פאַרדאגה׳טע און בלויע
מיניען בלעטער זיך אין ברוין און געל . . .

לעצטע זומער־טעג און לעצטע יוגנט־יאָרן,
ס׳האָט דער גורל אייך באַהאַנדלט גלייך;
ביידע גייט איר אין דער אייביקייט פאַרלאָרן —
ביידע זענט איר אין זכרונות רייך . . .

פינסק, 1932 ,28 8

מאַי

כ׳האָב ליב דעם חודש מאַי, דעם שענסטן פון דעם יאָר׳ס חדשים,
ווען אַלץ אין דער נאַטור צובליט זיך און צום לעבן פריש דערוואַכט . . .
כ׳האָב ליב אים, דעם אומשולדיקסטן פון אַלע צוועלף חדשים,
ווען אַלץ אין דער נאַטור אויף עפּעס האָפט, אויף עפּעס וואַרט. . .

כ׳האָב ליב אים — ווי אַ פופצן־יעריק, צניעותדיקער מיידל,
מיט בריסטעלעך ווי קנאָספּן צוויי, וואָס זענען האַלב צובליט;
מיט ליפּעלעך צושמייכלטע און אויגן בלויע מילדע,
וואָס קענען מיט איין בליק — צונישט מאַכן דיין שווער געמיט . . .

כ׳האָב ליב די הערלעכע באַגינענס זיינע און פאַרנאַכטן;
דעם שטילן אומעט, וואָס ווייט פון פויערטעס געזאַנג;
די אייביקע מיסטעריע פון די דרימלענדיקע פעלדער;
די סודותפולע שטילקייט, וואָס באַרייכערט דיין פאַרלאַנג . . .

כ׳האָב ליב אין מאַי די טיף בלוי־מילדע, טרוימערישע הימלען,
ווען ס׳קרייזלט זיך די לערכע און פאַרגייט זיך נאָכאַנאַנד;
ווען בוימער מיניען זיך אין פּרעכטיק־בונטע פאַרבן
און אַלץ אין דער נאַטור זעט אויס ווי אין דעם צויבער־לאַנד . . .

כ׳האָב ליב דעם חודש מאַי, דעם יינגסטן פון דעם יאָר׳ס חדשים,
ווען ס׳בליט דער בעזש־בוים און אויף מיילן ווייט צוטראָגט זיין דופט;
ווען פאָרלעך אונטער בוימער שטיפן ווי די קליינע קינדער;
ווען ערד ווערט שוואַנגער — און עס וועבט זיך עפּעס אין דער לופט . . .

כ׳האָב ליב דעם חודש מאַי, דעם יום־טוב פון די קליינע קינדער;
און ס׳גלוסט זיך מיר אויך מיטשפּרינגען און מיטטאַנצן מיט זיי . . .
דערמאָן איך זיך: אַז כ׳בין פון יענער צייט שוין ווייט פאַרפאָרן . . .
און ס׳טוט מיר עפּעס, אַזוי באַנג און אַזוי שרעקלעך ווייי . . .

פינסק, מאַי 1932



פאָרטיסימאָ שפּיל מיין פידל
ס׳איז שוין אויסגעשפּילט דאָס לידל . . .

לידער פון יאוש

I

מיין מזל — אַ טונקעלער שטערן
אין קויטיגער האַרבסטיקער נאַכט,
ווען ס'בלאָנדשען אין עלנט די וואָלקנס
פאַרפאָלגט פון אַ פינסטערער מאַכט . . .

פאַרשווינדט אויף אַ רגע אַ וואָלקן,
גלייך יאָגט אים אַ צווייטער שוין אָן
עס ראַנגלט זיך הילפלאָז דער שטערן
אַרום אויפן הימלישן פאָן.

דעם פרילינג, די לויטערע הימלען —
אומזיסט אַלץ דער שטערן וואַרט אָפּ:
דאַן הויבן אָן שטערן צו פאַלן —
גלייך פאַלט ער דער ערשטער אַראָפּ . . .

II

ראַשער פאַרטאַ, שפּיל מיין פידל! . .
ס'איז באַלד אויסגעשפּילט דאָס לידל . . .
ס'איז די וועלט אַ פוסטער חלום —
הבל הבלים . . .

בליץ־שנעל לויפט אַוועק דאָס לעבן . . .
בלייבסט אין מיטן פון דיין שטרעבן . . .
ביינקסט אומזיסט נאָך רו, נאָר שלום —
הבל הבלים . . .

צופיל גליק איז ניט קיין מעלה . . .
כ'האָב געליבט אַ קורצע ווילע —
ס'איז געווען אַ שיינער חלום —
הבל הבלים . . .

פאָרטאָסימאָ שפּיל מיין פידל!
כ'הער מ'קלאַפּט שוין מיטן רידל . . .
כ'הייס שוין באַלד — „עליו השלום" —
— הבל הבלים . . .

מיין געבעט

רבונו של עולם, דו האַר פון דער וועלט,
וואָס קיין זאַך פאַר דיר איז פאַרבאָרגן, פאַרשטעלט;
ווי קאָנסטו איצט זיצן אין גאָלדענעם טראָהן
און צוקוקן אַלץ דאָס און גאָרנישט ניט טאָהן!...

א־ל רחום וחנון, ווי שיקט זיך עס דען?
איז מעגליך, אז דו זאָלסט עס האָבן פאַרזען —
די גרויזאַמע שחיטות, די נויט און דעם פיין
וואָס ס׳שטעהט אויס דיין אומה, און הערט באַלד אויף זיין?...

די טויזנטער קינדערלאַך, בלאַס ווי דער טויט,
וואָס בעטען באַ מאַמעס אַ שטיקעלע ברויט,
און לעגען זיך שלאָפען, פאַרחלֶשט, פאַרשמאַכט
און רופען דעם טויט דורך דער שוואַרצעסטער נאַכט?...

צי זעהסטו נישט אידען אין געטאָס פאַרשפאַרט,
מיט רוקענס געבויגען און שוואַרץ ווי די נאַכט,
געממית׳ט פון הענקער, אויף יעטוועדער טראָט!...
וואו איז דיין רחמנות, אַלמעכטיקער גאָט!...

א־ל נוקם ונוטר, זאָל זיין שוין אַזוי,
טאָ שיק פון די הימלען אַ קללה אויף זיי...
פאַרטיליג די רוצחים אויף יעטוועדער אָרט —
זאָל דונערן מעכטיג דיין געטלעכער וואָרט!...

און אָפּלויגען זאָלסטו דאָס נישט אויף צו לאַנג —
ווייל ס׳קאָן ווערען שפּעט און עס וועט דיר טאָן באַנג...
אַ בליץ־קריג קאָן רעטען דיין אויטאָריטעט...
אָ גרויסער באַשעפער, פאַרנעם מיין געבעט...

גלייס־ביי, נ. ס., קאַנאַדע, יאַנואַר 1941

מיין היים . . .

מיין היים איז, ווּ איך רואיק בּין,
ווּ רואיק איך מיין חלום שפּין
מיין היים — קאָן זיין אין וואַלד, אין פעלד —
מיין הויז — אַן אָרעמער געצעלט . . .

איך פרעג נישט נאָך אויף פאָלק און לאַנד,
אויף שפּראַך און ראַסע, שטאַם און שטאַנד:
עס גיט די ערד, אויב נאָר פאַרזייט,
פאַר אַלע פעלקער טריי איר בּרויט . . .

מיין היים איז, ווּ איך בּין אַ מענטש,
ווּ יעדן ווינקעלע איך בּענטש . . .
מיין היים איז, ווּ כ׳בּין נישט קיין הונט,
דאָרט, ווּ ס׳איז דער פאַרשטאַנד געזונט . . .

מיין היים איז דאָרט, ווּ ס׳איז אַ קינד,
בּאַליידיקן אַ גרויסע זינד . . .
מיין היים איז דאָרט, ווּ איך בּין פריי
ווּ פרעמד איז יעדע שקלאַפעריי. . . .

מיין היים איז, ווּ אַ קינד פאַרשטייט,
אַז מענטשן דאַרפן האָבּן בּרויט . . .
מיין היים איז, ווּ — אַ נאָר איר ווילט
אויב אַלץ דאָרט נאָר צום אמת צילט . . .

מיין קאָנדאָלענץ.

(אויפן פרישן קבר פון שרה אָסטראָווסקי)

אַ בערגל ערד, אַ שטומער שטיין —
קלאַפּ אָן: אָט דאָס איז שרה׳ס היים . . .
און ענטפערט זי נישט: „קום אַריין״ —
באַלײדיק זיך נישט, פריינט דו מיין! . . .

ס׳איז שרה טויט און רעדט נישט מער . . .
האָט אויסגעוויינט די לעצטע טרער . . .
וואָס איז אַ מענטש היינט אויף דער ערד,
ווען ס׳אַרבעט טאָג און נאַכט די שווערד? . . .

זיי מוחל, שרה, מיר פון ווייט . . .
וועט אפשר קומען נאָך אַ צייט . . .
וועט אפשר מיר נאָך זיין באַשערט
כאָטש אָנקוקן דאָס בערגל ערד . . .

גלייס ביי, קאַנאַדע, אין אויגוסט 1937.

מיר גייען . . .

מיר גייען געשפּאַנט אין אייביקן יאָך
און ווייסן פון דעם נישט אַפילו דעם תּוך . . .
מיר שפּאַנען דורך זומפּן, דורך אייביקן זאַמד —
און קענען צומאָל נישט די לענקענדע האַנט . . .

מיר גייען געבויגן, געהאָרכזאַם און שטיל,
און זעען פאַר זיך נישט אין ערגעץ קין ציל . . .
מיר זענען געפּענטעט מיט טויזנטער „שטריק" —
און מוזן נישט איינמאָל אויך ציען צוריק . . .

און ווערן מיר מיד, עס פאַרפעלט אונז ווען מוט —
דאַן לאָזט מען אונז אָפּגיין מיט אייגענעם בלוט . . .
מיר שלעפּן דעם וואָגן, מיר אייביקע פערד,
אין פינסטערער קנעכטשאַפט, אויף גאָטס שיינער ערד . . .

מיר ווערן ניט זעלטן געררייצט ווי די הינט
און מוזן אָפט ליידן פאַר אונזערע זינד . . .
מיר זענען די זעלבע אויף גאָטס גרויסער וועלט . . .
מיר שלעפּן דעם וואָגן דורך׳ היץ און דורך קעלט . . .

און טרעפט ווען, אין אונז אַ געפיל עס דערוואַכט —
מיר ווילן נישט גיין מער דורך פינסטערער נאַכט
און זענען צו קעמפן אַנטשלאָסן און גרייט —
דאַן פאַרבט מען אונז איבער דעם וואָגן אויף רויט . . .

פאַרקירעווען מיר דאַן דעם וואָגן אויף לינקס
און ציען, און שלעפּן דעם נייעם מין ספינקס . . .
מיר ווערן דערדריקט פון דער אייביקער לאַסט,
פון אייגענע ברידער באַשפּיגן, געהאַסט . . .

מיר גייען געשפּאַנט אינם אייביקן יאָך
און ווייסן פון דעם נישט אפילו דעם תוך . . .
די רוקנס געבויגן, אָן קלאָרן פאַרשטאַנד —
אַ שפּילצייג באַ יעדן פאַרברעכער אין האַנט . . .

פּינסק, יוני 1933

משיח׳ס צייטן

ס׳שאַלט ווי ערגעץ אַ טראָמפּייט:
משיח קומט, משיח גייט!
ער קומט נישט אויף קיין ווייסן פערד,
און ס׳בלאַנקט נישט אין זיין האַנט קיין שווערד . . .
משיח קומט, משיח גייט . . .

ס׳גייט ווי ערגעץ אויף אַ פלאַם,
וואָס וועט זיך שטורמיש, ווי אַ ים,
צעטראָגן ברייט אַרום און ווייט —
ביז זיגן וועט גערעכטיקייט . . .
משיח קומט, משיח גייט . . .

ס׳שאַלט ווי ערגעץ אַ טראָמפּייט . . .
כאָטש ווייט איז נאָך ביז מאָרגן — רויט —
דאָך קרייט שוין ערגעץ־ווי אַ האָן
וואָס זאָגט די גוטע בשורה אָן:
משיח קומט, משיח גייט . . .

און מעג נאָך ציען זיך די נאַכט —
די פינסטערניש האָט מער קיין מאַכט . . .
עס ווערט די פינסטערניש געדיכט,
ווען זי די ליכט פון טאָג דערשפּירט —
משיח קומט, משיח גייט . . .

ס׳שאַלט ווי ערגעץ אַ טראָמפּייט
אַ .s .o .s סיגנאַל פאַרשפּרייט . . .
און ס׳וואַכן מענטשן אויף פון שלאָף,
און גייען, גייען, אָן אַ סוף
משיח קומט, משיח גייט . . .

נאָוועמבער

(פאָלקס־מאָטיוו)

אין געפאַנגענשאַפט בײַ וואָלקנס
און געקאַוועט פעסט אין בליי —
שעמט די זון אַזוי זיך ווייזן —
וואַרט ביז זי וועט ווערן פריי . . .

און די בוימער — נאַקעט־הײלע
קוים מיט בלעטעלעך אַ פּאָר —
שטייען פונקט ווי די אבלים,
בענקען נאָכן פליגל־כאָר . . .

און די ווינטן — קוים דערלעבט שוין —
הוליען הפקרדיק און ווילד . . .
רייסן אָפּ, ווו זיי פאַרגלוסט זיך,
ווו אַ שינדל, ווו אַ שילד . . .

שטייען שליאכן — בלאָטיק — נאַסע.
ווו־ניט־ווו אַ פורל קריכט,
טוליעט זיך אין פּעלץ דער פויער —
שמייסט דער ווינט אים אין געזיכט . . .

און דאָס פערדל שלעפּט און שלעפּט זיך
ס׳ווילט זיך אים צוריק אין שטאַל . .
און דער פויער — וויא און וויאָקעט —
שיעור וואָס ס׳פּלאַצט אים ניט די גאַל . . .

און דער וואַלד, וואָס פאַ׳ז דערפל,
שטייט ווי אַ בית־עולם שטיל . . .
אָפּגעטאָן איר אַרבעט ערלעך
שטייט און רוט איצט אויס די מיל . . .

זינקט די שטאָט אין טיפן חושך,
גאַסן באָדן זיך אין קויט —
און אין אָרימע כאַלופּעס
פּייפט דער דלות און די נויט . . .

בעט די רובע זיך דערוואַרמען . . .
קינדער קאָרטשען זיך פאַר קעלט . . .
בעט די מאַמע אַ פּאָר גראָשן —
האָט דער טאַטע נישט קיין געלט . . .

קען דער „אַלטער״ נישט צעקייען,
ווו דער שכל דאָ עס שטעקט;
אָפּגעפּראַצעוועט אַ לעבן,
און אויף האָלץ ער ניט פאַרמעגט! . . .

וואַקסט די פינסטערניש אַלץ טיפער
און אַ רעגן הויבט אָן גיין . . .
ס׳ברעכט אומזיסט זיין קאָפּ דער אַלטער;
ער וועט דאָס שוין ניט פאַרשטיין . . .

נאַטור און מענטש.

צעבליט האָט די וועלט זיך אַזוי ווי אַמאָל.
צעגרינט האָט זיך אַלץ סיי אויף באַרג און אין טאָל.
עס זינגט גלייך פאַר אַלע דער פויגל זיין ליד
און ווייס נישט קיין חילוק פון קריסט ביז אַ ייד...

עס ציען זיך פעלדער, פאַרזייטע מיט ברויט.
עס פרעגט נישט די זון — ווער עס האָט זיי פאַרזייט —
און וואַרימע די פעלדער פון קריסט און פון ייד,
און טיילט נישט אויס קיינמאָל אַ וועלכע ס׳איז בייט...

עס מאַכט די נאַטור נישט קיין חילוק אַ האָר
און גייט זיך איר אייביקן גאַנג יעדן יאָר...
עס בליען די בוימער באַ אַלעמען גלייך
און ס׳נעמט אַלע ראַסן אויף פריינטלעך דער טייך...

אין האַרץ פון אייראָפּאַ, אין צענטער פון גייסט —
אַ פאָלק די נאַטירלעכע קייטן צעררייסט
און קייקלט אין אָפּגרונט זיך מורא׳דיק שנעל,
און שענדעט און מאָרדעט, פון אַלץ מאַכט אַ תל...

עס טראַכט דאָרט דער הערשער, פון טייוול געשיקט,
אַז ער האָט איגנאַנצן די וועלט שוין באַזיגט —
צעטיילט ער די מענטשן אויף „שלעכט" און אויף „גוט",
און שאַפט אַ מחיצה פון בלוט ביזן בלוט...

פאַרשטייט נישט דער בלוט־הונט ווי נאַריש דאָס איז,
אַז דאָס איז נישט מער — אַ געמיינער קאַפּריז
די פאַרב פונם בלוט איז באַ אַלעמען רויט
און שוואַרץ איז דער סימבאָל פון חושך און טויט...

פינסק, מאַי 1933

נאַכט־אַטאַקע.

עס האָבן אין הימל זיך שטערן צעצונדן
און ברייט האָט אויף פעלדער צעלייגט זיך די נאַכט . . .
אין מערב — אַ בלוט־רויטע זון איז פאַרשוווּנדן . . .
דער טויט האָט אַ פויזע, אַ קורצע געמאַכט . . .

פאַרשאַנצן זיך פיבערהאַפט איצט די סאָלדאַטן
און גראָבן ווי מוילוווּרפן, איין זיך אין דרערד . . .
עס שטעלן צום שטורם זיך אויס די האַרמאַטן —
דעם וועג צו באַפרייען פאַר מעסער און שווערד! . . .

פון הינטערן וואַלד שווימט אַרויס די לבנה —
אַ בלוט־רויטער צייכן אויף טיף־בלויען פאָן . . .
ווער ווייס, וואָס דער שונא האָט פאַר אַ כונה,
ווער ווייס, וואָס עס גרייט דאָרטן איצט פאַר אונז אָן! . . .

עס שלייכן אויף פעלדער זיך אום סילועטן —
וואָס זוכן זיי דאָרטן אַרום אין דער נאַכט? . . .
וואָס לאָדן זיי איילִיק דאָרט אָן אויף די בעטן? . . .
וואָס האָט מען פון אָרעמע מענטשן געמאַכט?! . . .

און פלוצלינג, פון וועלדל, אַ שטילער געבייזער:
עס האָבן קאַנאָנען שוין ווידער דאָס וואָרט . . .
באַפעלן דער רוסישער צאַר האָט, דער גרויסער,
פאַרנעמען דעם בערגל — און האַלטן זיך דאָרט! . . .

און שטאַרקער צעברומען זיך די באַטאַרייען,
און ברייִנגען פאַרוויסטונג אויף מיילן אַרום! . . .
און זאַנגען־גלייך שטייען שוין מענטשלעכע רייען,
צום בלוטיקן שניט גרייט, פראָטעסט־לאָז און שטום! . . .

אַ שניט איז, שוין איינמאָל, די נאַכט דאַן געווען . . .
מיר זענען אַלס זיגער פון קאַמף דאַן אַרויס . . .
מיר האָבן „געזיגט״, און דאָס בערגל גענומען . . .
איצט רוען דאָרט פעלקער זיך אויס אין זיין שויס! .

פינסק, יולי 1933

ס׳וועט קומען אַ צייט . . .

און קומען אַ צייט וועט, אָ, בעסער ניט פרעג —
און ציען זיך וועלן די דאָזיגע טעג
אַזוי ווי אַ בלוטיקער, שווערער קאָשמאַר —
און שטיין וועט די וועלט פאַר אַ גרויסער געפאַר . . .

פאַרלאָזן דער מענטש וועט זיין רו און זיין היים;
און וויסט וועלן פעלדער פאַריתומטע שטיין —
עס וועלן זיך מענטשן דערנערן פון רויב —
און זיין צו די ווייען פון מיטמענטשן טויב

און שטאָלענע פויגל, פון גוואַלדיקער הויך,
פאַרוואַנדלען אַלץ וועלן אין אַש און אין רויך —
און זיין וועלן שליאַכן און וועגן פאַרזייט
פון עלנטע מענטשן, וואָס לויפן פון טויט! . . .

און פינסטערניש וועט דאַן באַהערשן די ערד —
דאָס מענטשלעכע לעבן ווערט גאָרנישט זיין ווערט —
און לעכצן וועט אַלץ נאָך אַ ביסעלע שײַן —
און גרויס וועט די נויט זיין, נאָך גרעסער די פּײַן . . .

דערנאָך באַלד, פאַר כּוחות געוואַלדיקע צוויי —
אין קאַמף זיך פאַרמעסטן וועט קומען די ריי —
און גרויס, און עקשנותדיק זיין וועט דער שטרייט
ווען אָנקומען ס׳וועט אָט די דאָזיקע צייט! . . .

און ראַנגלען זיך וועלן סיי יונג און סיי אַלט
און קריגן די וועלט וועט אַן׳אַנדער געשטאַלט
ווען ס׳וועט די גערעכטיקייט שפרייזן פאָראויס
און זיגרייך פון אומגלייכן קאַמף וועט אַרויס . . .

און קומען אַ צייט וועט — דער מענטש וועט פֿאַרשטיין,
אַז ס׳גליק פֿון דער וועלט הענגט פֿון אים אָפּ אַליין . . .
און גרויס וועט די שאַפֿונגס־פֿרייד זיין אויף דער ערד,
ווען ס׳וועט זיך אין אַקער פֿאַרוואַנדלען די שווערד.

1933

עלעגיע.

(אויפן קבר פון משה לייב האַלפערן)

ביים עלנטן בערגל פון ניו־יאָרקער ערד,
ווו ס׳איז זיינע ביינער צו ליגן באַשערט —
דאָרט קניען וואָלט איך איצט שעהן־לאַנג —
באַוויינען דעם מייסטער פון הימל־געזאַנג — . . .

באַוויינען דעם עלנטן מענטש אין דער וועלט . . .
וואָס האָט די אידיי פון זיך העכער געשטעלט —
וואָס האָט זיך געריסן פון שטייג ווי אַ לייב —
געשריען . . . נאָר מענטשן געווען זענען טויב . . .

ניט ווייט פון דעם בערגל, ווו ס׳רוט משה לייב,
פון יידישע דיכטער, פון יונגע, אַ לייב —
דאָרט ציען זיך פעלדער פאַראומערט, באַטריבט
דערפאַר, ווייל זיי האָט משה לייב ניט געליבט . . .

ווייל ס׳שמעקן די פעלדער מיט אייל און בענזין . . .
און ס׳פליט אַ פאַרטשאַדעטע אום דאָרט די בין . . .
און ס׳קלינגט אויף די פעלדער דאָרט קיינמאָל קיין ליד . . .
און ס׳ווערן מאַטאָרן דאָרט רוישן ניט מיד . . .

און ס׳ציען אומענדלעך זיך נעצן פון דראָט . . .
עס ליגט אויף די פעלדער דער חותם פון שטאָט . . .
עס האָבן מאַשינען דאָרט תבואה פאַרזייט . . .
און אַנדערש די זון דאָרט גייט אויף און פאַרגייט . . .

— — — — — —

און ווייט פון אוקראַינער פעלדער און פראַכט,
ווו שיין איז דער טאָג און נאָך שענער די נאַכט,
ווו שיקסעס באחנ׳טע, מיט גאָלדענע האָר,
מיט יונגען אין זומער־נעכט זונגען אין כאָר.

איצט רוט משה לייב שוין און ווייטאָקט ניט מער —
און האָט פאַר דער וועלט מער קיין איינציקע טרער —
באַפרייט פון פאַרשאָלטענעם שדים־געיעג,
וואָס האָבן געקירצט זיינע יאָרן און טעג . . .

און אָט ביי דעם בערגל פון ניו־יאָרקער ערד,
ווו ס׳איז זיינע ביינער צו רוען באַשערט —
דאָרט קניען געוואָלט וואָלט איך איצט שעהן־לאַנג
באַוויינען דעם מייסטער פון הימל־געזאַנג . . . —

פינסק, 1932 ,10 9

עפּיטאַפיע.

דאָ ליגט אַ מענטש, וואָס לעבט ניט מער —
האָט אויסגעוויינט די לעצטע טרער . . .
געוואַרט, געהאָפט אַ לעבן — לאַנג
און איז געבליבן ביים פאַרלאַנג . . .

דאָ ליגט אַ מענטש, פון לעבן מיד,
וואָס האָט פאַרענדיקט שוין זיין ליד
און רוט די ביינער זיינע אויס,
און האָט קיין חשק ניט אַרויס . . .

דאָ ליגט אַ מענטש, וואָס איז שוין טויט,
וואָס ווײנט נישט מער פון צרות, נויט
און ס'רירט אים מער ניט קיין געוויין,
ווייל ס'איז זיין האַרץ אָט ווי דער שטיין . . .

דאָ ליגט אַ מענטש, וואָס האָט גענוג
זיך אָנגעליטן פון באַטרוג —
וואָס האָט געוויטאָקט אָן אַ ברעג —
אין איינזאַמקייט פאַרבראַכט די טעג . . .

דאָ ליגט אַ מענטש שוין רואיק, שטיל,
וואָס האָט דערגרייכט דעם ענדע־ציל,
צו וועלכן, איר, סיי שוואַרץ און רויט,
מיט ריזן־טריט און זיכער גייט . . .

פינסק, 1933 ,25 11

פּאָלעסיע.

כ׳האָב ליב דיר, פּאָלעסיע, מיין אָרעמע היים,
כ׳האָב ליב יעדעס גרעזל און ליב יעדן בוים,
וואָס האָבן געהאָדעוועט זיך אויף דיין שויס —
כ׳האָב ליב דיר, פּאָלעסיע, אָן פּניות און הייס.

כ׳האָב ליב דיינע פעלדער, וואָס ציען זיך ווייט
און טראָגן דעם חותם אויף זיך פון דער צייט;
כ׳האָב ליב דיינע דערפער, אויף שליאַכן צוזייט —
די מענטשן, וואָס קייען דעם ראָזעווען ברויט . . .

כ׳האָב ליב דיינע הימלען, וואָס תמיד פאַרקלערט,
כ׳האָב ליב, אָן אַ גרעניץ, דיין יעדן שפּאַן ערד;
כ׳האָב ליב דיינע לאָנקעס — דעם קאַמער פון היי —
די פויערשע כאַטעס, געדעקטע מיט שטרוי . . .

כ׳האָב ליב דיר, פּאָלעסיע, ווייל ס׳האָט אויף דיין ערד
די צייט מיינע יוגנט־חלומות פאַרצערט . . .
ווייל ס׳וויגעלע מיין איז געוועזן פון דיין האָלץ, —
כ׳האָב ליב דיר, פּאָלעסיע, און בין אויף דעם שטאָלץ. . . .

כ׳האָב ליב דיר אין פרילינג און ליב דיר אין האַרבסט,
כ׳האָב ליב דיר ווען דו ווערסט געבוירן און שטאַרבסט,
כ׳האָב ליב דיר אין זומער און ווינטער צוגלייך,
כ׳האָב ליב דיר, פּאָלעסיע, כאָטש דו ביסט ניט רייך . . .

כ׳האָב ליב דיר, פּאָלעסיע, מיין אָרעמע היים,
כ׳האָב ליב יעדעס גרעזל און ליב יעדן בוים,
וואָס האָבן געהאָדעוועט זיך אויף דיין שויס —
כ׳האָב ליב דיר, פּאָלעסיע, אָן פּניות און הייס.

פּינסק, 1933 ,5 11

פֿאַראַן אַ פֿרייד . . .

פֿאַראַן אין לעבן אַזאַ פֿרייד,
וואָס קיינער ווייס נאָך דעם באַשייד:
דאָס איז אַ פֿרייד, וואָס דיר דערהויבט
און זען אין הימלען דיר דערלויבט . . .
פֿאַראַן אין לעבן אַזאַ פֿרייד . . .

פֿאַראַן אין לעבן אַזאַ פֿרייד,
וואָס זעלטן ווער דאָס איצט פֿאַרשטייט:
אַ פֿרייד, וואָס ניט באַרוישט דורך ווײַן,
אין רעזולטאַט פֿון נויט און פּײַן . . .
פֿאַראַן אין לעבן אַזאַ פֿרייד . . .

פֿאַראַן אין לעבן אַזאַ פֿרייד,
וואָס דיר ביז העכסטן גראַד דערפֿרייט:
דאָס איז אַ פֿרייד, וואָס דויערט לאַנג
און רעגט ניט קיינמאָל דײַן פֿאַרלאַנג . . .
פֿאַראַן אין לעבן אַזאַ פֿרייד . . .

פֿאַראַן אין לעבן אַזאַ פֿרייד,
וואָס ענדיקט ערשט זיך מיטן טויט:
דאָס איז אַ פֿרייד גאָר אָן אַ סוף,
ווי אויף דער וואָר — אַזוי אין שלאָף . . .
פֿאַראַן אין לעבן אַזאַ פֿרייד . . .

פֿאַראַן אין לעבן אַזאַ פֿרייד,
וואָס קיינמאָל, אייביק ניט פֿאַרגייט! . . .
עס איז די פֿרייד נאָך אָבער ווייט —
און ס׳איז פֿאַר איר איצט ניט די צײַט . . .
פֿאַראַן אין לעבן אַזאַ פֿרייד . . .

פאַראַן אין לעבן אַזאַ פרייד,
וואָס ס׳האָט דער נביא לאַנג פאַרזייט:
דאָס איז די פרייד פון שענסטן סטיל,
פון פעלקער־אחדות — פאַר איין ציל...
פאַראַן אין לעבן אַזאַ פרייד...

פינסק, 1932 ,6 3

פֿאַרגיב . . .

אין טאָג פֿון גרויסן וועלט־געריכט,
ווען גאָט אַליין דעם פֿאָרזיץ פֿירט,
און אויף דעם אַלערהעכסטן טראָן
עס פֿלאַטערט שטאָלץ די יושר־פֿאָן —
און הימלען קוקן אַזוי טריב —

פֿאַרגיב . . .

ווען ס׳משפּט גאָט די גאַנצע וועלט,
און אַלץ ווערט אויף דער וואָג געשטעלט,
און ס׳מיידט ניט אויס אַ קינד אין וויג,
פֿון העלפֿאַנד ביז דער קלענסטער פֿליג —
נור דער גערעכטיקייט צוליב —

פֿאַרגיב . . .

ווען גאָט אַליין פּעסט אין זיין האַנט,
דעם גורל נעמט פֿון יעדן לאַנד —
באַשטימט דעם שלום און דעם קריג,
אויך ווער ס׳זאָל אָפּהאַלטן אַ זיג —
און ס׳נעמט די וועלט דאָס אָן פֿאַר ליב,

פֿאַרגיב . . .

און אויבּ דאָרט, אין דער העכסטער הויך,
פֿאַרגעבן ווערט — פֿאַרגיב זשע אויך,
דו מענטשל קליין, זיך גוט פֿאַרטראַכט —
און נעם דאָס גוט אַריין אין אַכט —
נור דער גערעכטיקייט צוליב —

פֿאַרגיב . . .

גענוג פֿאַרגיסן מענטשלעך בלוט,
און אָנווענדן דאָס רעכט פֿון קנוט . . .

מיר זענען אַלע פון איין גאָט
און האָבן גלייכע צען געבאָט . . .
און ווילסטו — האָבן מיר זיך ליב —
פאַרגיב . . .

עס איז די וועלט, אי שיין, אי רייך,
און ס׳קענען לעבן אַלע גלייך . . .
עס איז געווענדט אָן דיר אַליין . . .
און דיין געוויסן וועט זיין ריין . . .
בלויז טו דיין נביא דאָס צוליב —
פאַרגיב . . .

אין טאָג פון גרויסן וועלט־געריכט,
ווען גאָט אַליין דעם פאָרזיץ פירט,
און אויף דעם אַלערהעכסטן טראָן
עס פלאַטערט שטאָלץ די יושר־פאָן —
און הימלען קוקן אַזוי טריב —
פאַרגיב . . .

פינסק, 1932 ,3 10

פאַרליר איך דיר . . .

פאַרליר איך דיר מיין ליבסטע קינד —
דאַן עלנט, ווי אין פעלד דער ווינט,
וואַנדער איך אַרום . . .
דעם טיפן סוד ווייס איך אַליין,
אויך דו און יענער עפּל־בוים
איך בלייב פאַר יעדן שטום . . .

אַ וואַנדער־שטעקן אין דער האַנט —
דאַן וואַנדער איך פון לאַנד צו לאַנד
און זוך קיין גליק נישט מער . . .
קוים איז די ערשטע ליבע טויט —
די פרילינגס־זון אויף לאַנג פאַרגייט
און ס׳ווערט דאָס לעבן שווער . . .

איך קער צוריק, ווען דיין געזיכט
פאַרלירט דורכאויס דעם גלייכגעוויכט
און איך דערקען נישט דער,
וואָס כ׳האָב געצערטלט אין מיין שויס . . .
כ׳וועל בעטן גאָט פאַר דיר דורכאויס —
פאַרגיסן אָפּט אַ טרער . . .

.1910

פעלדער פאַריתום׳טע . . .

פעלדער פאַריתום׳טע, פעלדער פאַרלאָזענע —
כ׳פיל אייער ווײ . . .
מענטשן פאַרוואָגלטע, מענטשן פאַרשטויסענע —
ר׳זענט אויך אַזוי . . .

פונקט אַזוי ווערט איר, מיט כל׳ערליי מיטלען,
באַאַרבעט, פאַרזייט . . .
און אויסגענוצט ווערט איר ווי ווייט נאָר עס לאָזט זיך,
קוים פאַרן ברויט . . .

אין האַרבסט פונם לעבן, אויף עלטערע יאָרן,
זוכט איר אַ היים . . .
מ׳לאָזט אייך דאַן, ווי די פאַרשניטענע פעלדער
איבער אַליין . . .

פעלדער פאַריתום׳טע, פעלדער פאַרלאָזענע —
כ׳פיל אייער ווײ . . .
מענטשן פאַרוואָגלטע, מענטשן פאַרשטויסענע —
ר׳זענט אויך אַזוי . . .

פינסק, 9 5, 1933

פרייהייטס־מאַרש.

שפּאַנט אַ פאָלק, באַפרייט פון קנעכטשאַפט —
צו זיין אייגן לאַנד . . .
ווויל דעם פאָלק, וואָס ווערט געפירט, פון
אַ געניטער האַנט . . .

אויבן — בלוי־ צעשטראַלטע הימלען —
אונטן — גרין די ערד . . .
שפּאַנט אַ פאָלק, באַפרייט פון גלות —
ניט דורך ביקס און שווערד! . . .

שפּאַנט אַ פאָלק, באַפרייט פון קייטן . . .
ציט אַ פאָלק, אַ פריי . . .
גראַנדיעז מוז זיין די פרייהייט,
ווען זי איז נאָך ניי . . .

ווויל דעם פאָלק, וואָס לעבט אין אחדות
און אַ גלויבן האָט! . . .
ווויל דעם פאָלק, וואָס גייט בשלימות,
אין דעם וועג פון גאָט . . .

שפּאַנט אַ פאָלק, צעשטראַלט, צעזונגען —
צו זיין אייגן לאַנד . . .

ווי דעם פאָלק, וואָס לאָזט אַרויס די
פרייהייט פון זיין האַנט! . . .

פינסק, 1933 ,12 4

פרילינג

ווי אַ שיין — צובליטע מיידל
האָט די אַלטיטשקע נאַטור
ווי צושטראַלט זיך אין צוזונגען —
גאָר פון אלטקייט ניט קיין שפּור . . .

האָט די זון דורך אירע שטראַלן
ערד אין ליבע זיך דערקלערט;
און פאַרנאַכט הינטערן וועלדל
האָבןביידע דאָרט פאַרקערט . . .

האָבן בוימער זיך צושושקעט . . .
האָט דער הימל זיך פאַרטראַכט
האָט אַ רעגעלע גענידערט —
ערד באַפרוכפּערט יענע נאַכט . . .

איז די ערד אַן אויסגעפּוצטע
אויפגעשטאַנען מיט דער זון . . .
האָט די זון אַ הייס־פאַרליבטע
אָנגעקוואָלן שטאַרק דערפון . . .

האָבן פויגל זיך צוזונגען
אינם וואַלד און אויפן פעלד . . .
האָבן קינדער זיך צושפּרונגען:
פרילינג, פרילינג, אויף דער וועלט . . .

רויט גאָט'ס ברכה אויף די פעלדער
גרינט זיך שיין דער ווינטער ברויט
פאָרט אין פעלד אַרויס דער פּויער
און פאַראַקערט און פאַרזייט. . . .

זאָרגלאָז גייט דער פערד אין אַקער
שפּילט דער פאַסטוך אויף דער פלייט

טאַנצט די קו אין פעלד — אַ ווילדע:
ס׳גלוסט זיך איר אין קאָרן בייט . . .

פליסט זיך מורמלענדיק דאָס טייכל
פון דעם שווערן יאָך באַפרייט;
פון מרחקים לאָזט אונז גריסן,
און לויפט ווייטער — האָט קיין צייט . . .

און די פויגעלאַך פאַרהאַוועט
מיט דעם קומענדיקן דור
אין באַגינענס און פאַרנאַכטן
שירה זינגען זיי אין כאָר . . .

ווי אַ יונג פאַרשייטע מיידל
גאָר פון אַלטקייט ניט קיין שפור
ווי צוטאַנצט זיך און צעזונגען
האָט די אַלטיטשקע נאַטור!

פרילינג 1933.

עס איז אין דעם יאָר נישט קיין פרילינג געווען . . .
איך האָב זיי, די בוימער, ניט בליען געזען . . .
דער צפון־ווינט האָט פון אַנ׳אייז קאַלטן לאַנד —
געיאָגט צו אונז וואָלקנס און קעלט נאָכאַנאַנד . . .

איך האָב אויך די פויגל ניט זינגען געהערט . . .
עס האָט ווער די פרייד זיי פון פרילינג פאַרשטערט . . .
ניט ליב זיי איגנאַנצן געווען איז די וועלט —
און האָבן זיך כסדר געטוליעט פון קעלט . . .

פאַרטאָגן געווען זענען אומעטיק, גרוי —
און ערטערווייז איז אויך געפאַלן אַ שניי . . .
עס האָבן זיך קנאָספּן געעפנט מיט גוואַלד —
און שטיל האָט פון קעלט זיך געקאָרטשעט דער וואַלד . . .

פאַרנאַכטן געווען זענען טרויעריק, נאַס —
און גיך זענען מענטשן געלאָפן אין גאַס —
געקוקט אויפן הימל און פויסטן געבײַלט,
און גיכער אַהיים קומען האָבן געאײַלט

אין האַרבסט־קאַלטע טעג האָט דער בעזש־בוים געבליט
און זעלטן ווער ס׳האָט זײַנע קווייטן דערזעט . . .
אין רעגן, אין קאַלטן, געווייקט אָן אַ סוף —
געשטאַנען איז ער, ווי פאַרזונקען אין שלאָף . . .

פאַרשטומט האָט אויף פעלדער דאָס פויערים־ליד . . .
נאַטור האָט דערפילט זיך אַפּאַטיש און מיד . . .
געווען איז דער הימל — געגאָסן פון בליי
אין יאָר׳ס ליבסטן חודש, אַ גאַנץ חודש מאַי! . . .

פינסק, יוני 1933

פרילינג אויפן בית־עולם.

עס שטייען די בוימער פון אַלטן בית־עולם
אין אייביקן טרויער, פאַרבענקט און פאַרקלערט;
זיי שטייען און זענען כסדר מתפלל
אין טיפער אבלות, דורך טעג און דורך נעכט . . .

און ס׳קוקן די בוימער מיט בליקן פון קנאה,
ווען ס׳קומט אָן דער פרילינג אַרום אויפן פעלד;
מיט בענקשאַפט, מיט גרינער, פאַרזאָרגט וועגן גורל,
וואָס האָט זיי די פרייד פונם פרילינג פאַרשטעלט . . .

זיי שטייען ווי אייביקע שומרים באַ דורות
און מוזן, ניט איינמאָל, דערשטיקן אַ סוד . . .
אויף טרערן דערצויגן, אין טרערן געוואַקסן —
אויף אייביקן טרויער, פאַרמשפט פון גאָט! . . .

עס שטייען די בוימער פון אַלטן בית־עולם
און קוקן אָן הימלען מיט יאוש און צער;
ווי פרעגן געוואָלט וואָלטן זיי באַ די הימלען
און רחמים געבעטן ביים הימלישן האַר . . .

פאַרבלאָנדזשעט אַ פויגעלע ווען, צו זיי, דאָרטן —
פון פעלדער, פון פרייע, צעזינגט זיך, פון פרייד —
צעוויגן די בוימער זיך אַלע מיט אומרו:
מיר ווייסן פון גאָרנישט, חוץ טרערן און טויט! . . .

און ס׳קוקן די בוימער מיט בליקן פון קנאה,
צו תחית־המתים ווען ס׳שטייט אויף די וועלט;
מיט בענקשאַפט, מיט גרינער, פאַרזאָרגט וועגן גורל,
וואָס האָט זיי די פרייד פונם פרילינג פאַרשטעלט . . .

פינסק 3 25, 1933

פרילינגס־געדאַנקען

עס קומען באַגינענס אַזעלכע פאַרקלערטע
מיט לויטערע הימלען און זון־שיין אַ סך;
און אויגן פאַרדאגה׳טע, אויגן פאַרטרערטע,
איצט הויבן אָן מונטערער קוקן און וואַך . . .

און טעג קומען אָן, פּונקט ווי מיידלעך פאַרשייטע,
מיט רייפע פאַרלאַנגען און זוניקער פרייד . . .
עס ציען זיך פעלדער פאַרחלומטע, ווייטע
מחיה׳דיק גרינט זיך דאָס ווינטערדיק ברויט.

און ס׳קומען ווי פייגל געדאַנקען צעפליען
און נעסטלען זיך איין אינם שטאַרק מידן קאָפּ . . .
און ווילן אין ערגעץ פון דאַנען נישט ציען,
און עקבערן, טאַטשען און טרעטן נישט אָפּ . . .

פאַרטראָגן זיי מיר אין פאַנטאַסטישע ווייטן
און לאָזן מיר טרעטן פון יוגנט דעם וועג . . .
וואָלט איך זיך אַוודאי געוואָלט איצטער בייטן
און צוגעצאָלט עמיצן נישט ווינציק טעג . . .

וואָלט איך איצט אַוודאי שוין מער נישט געבעטלט
קיין ברעקלעך פון ליבע ביים שוועל פון איר טיר
וואָלט איך איצט אַוודאי גאַנץ אַנדערש געהאַנדלט,
ווען זי וואָלט אַזוי זיך געשפּילט איצט מיט מיר. . . .

דער ווייפלטער פרילינג וועט באַלד שוין פאַרפליסן?
ווער ציילט דען די יאָרן, וואָס גייען פאַרביי! . . .
צי וועל איך איצט מער פונם פרילינג געניסן,
צי וועט מיר וואָס ברייגען דער ליכטיקער מאַי? . . .

1935

פרילינגס-קלאַנגען.

נאָך שטייען די פעלדער אין שנייען פאַרזונקען
און ס׳קאָן זיך פון שלאָף ניט צעטשוכען דער וואַלד —
דאָך שפּירט מען שוין נאָענט דעם הויך פונ׳ם פרילינג
און אַלץ זאָגט שוין עדות — ער קומט אָנ׳עט באַלד. . . .

עס שווימען אויף ימ׳ען שוין ליכטיקע בשורות . . .
און ווינטן דערציילן פון נאָענטער פרייד . . .
די זון גייט אַלץ העכער און העכער אין הימל,
און שיילט זיך אַלץ קלאָרער אַרויס פון איר שייד. . . .

און ברייטער, און טיפער אַלץ ווערן די הימלען . . .
עס זאָגן די שקיעהס צו זוניקע טעג . . .
עס ראַנגלט דער ווינטער זיך שווער פאַרן קיום —
און מוז פאַרן פרילינג באַפרייען דעם וועג . . .

פינסק, 3 12, 1933

קומט דער ווינטער . . .

קומט דער ווינטער אָן פון צפון —
מאַכט ער וועגן פריי און אָפן;
בויט אויס בריקן אין איין נאַכט,
ווי ער האָט דאָס נאָר פאַרטראַכט . . .

דאַרף ער ניט קיין אינזשינערן —
זאָלן פּלענער אים באַקלערן —
נויטיקט זיך ניט אויף קיין פאַל
אין אַ ברעקל מאַטעריאַל . . .

קומט פון צפון אָן דער ווינטער —
מאַכט ער מענטשן גלייך געזינטער:
רויטלען בעקלעך זיך — ווי שיין —
סיי בײַ גרויס און סיי בײַ קליין . . .

קאָן דער ווינטער אויך שיין מאָלן:
זעסט די בערג דאָרט און די טאָלן?
ווי ער האָט אַלץ, אין איין נאַכט,
ווייס די לאַנדשאַפטן געמאַכט! . . .

שפּאַנען מענטשן גיך און גיכער . . .
קינדער לויפן מיט די ביכער —
בראָדזשען אין דעם ווייסן שניי —
לאַכן הילכיק — אָט אַזוי! . . .

ווערן פענסטער ווי די בערן . . .
בליצן העל בײַנאַכט די שטערן . . .
טוליען פויגל זיך פון קעלט —
קוקן אָן די ווייסע וועלט . . .

און דער וואַלד אַ טיף־פאַרטראַכטער,
אַן אַנטוישטער, אָפּגענאַרטער —
שפּירט פון זעג און האַק דעם קלאַנג —
פילט זיין סוף . . . און ס׳טוט אים באַנג . . .

שטייען שליאַכן ברייטע, ווייטע,
הפקר׳דיקע און פאַרשייטע . . .
קלינגען גלעקלעך דאָ און דאָרט,
ווו נאָר עמיצער עס פאָרט . . .

הוליען ווינטן, וואָלקנס יאָגן —
ברענגען זיי פון ווייט צו טראָגן . . .
ס׳וועט מסתּמא שנייען באַלד:
ס׳שרייען קראָען העט, אין וואַלד . . .

— — — —

קומט דער ווינטער אָן פון צפון —
מאַכט ער וועגן פריי און אָפן;
בויט אויס בריקן אין איין נאַכט,
ווו ער האָט דאָס נאָר פאַרטראַכט . . .

פינסק, 1932 ,20 11

ראש השנה.

אַ פּחד באַהערשט האָט דאָס יידישע שטעטל . . .
עס שטייען אי הייזער, אי קראָמען איצט לער:
עס האָט איצט, ישראל, צו טאָן מיט אַ „צעטל״ —
עס איז איצט, ישראל, שוין נישט אַבי־ווער . . .

פאַרטאָן איז ישראל אין הימלישע זאַכן —
עס גייט אים אינגאַנצן נישט אָן איצט די ערד . . .
ער גייט מיטן בורא אַ חשבון איצט מאַכן —
ווער ווייס, וויפל ס׳איז נאָך צו לעבן באַשערט . . .

און אָנגעפּראָפּט זענען די בתי־מדרשים.
צעוויגט האָט זיך שטורמיש דער יידישער וואַלד . . .
עס טראָגט זיך אַ יאָמערן פון עזרת־נשים.
ישראל וויל נעמען דעם בורא מיט גוואַלד . . .

און גאָט, כביכול, דאָרט אויבן, אין הימל,
דורך טרערן זיך שמייכלט אין גאָלדענעם טראָן:
וואָס גייט מיר איצט, יידעלעך, אָן אייער טומל . . .
צי האָט איר, וואָס איך האָב געהייסן, געטאָן?

צי האָט איר דערפילט כאָטש איין אות פון דער תורה?
צי מיינט איר — איך ווער פון דער גאָרנישט געוואָר?
צי דאַרף איר, אַז איר זאָלט פאַר מיר האָבן מורא
און בעטלען אַזויפיל באַ מיר, אַ גוט־יאָר? . . .

צי בין איך אַן אכזר — איר זאָלט פאַר מיר קניען
און חנפה׳נען מיר אין די „פאָרכטיגע״ טעג? . . .
אומזיסט אייער קלאָגן, אומזיסט אייער מיען.
אויב איר וועט נישט גיין מיטן געטלעכן וועג! . . .

און איינפֿאַך דער וועג איז, וואָס פֿירט צום גן־עדן . . .
און ווער איר באַטרעטן דעם דאָזיקן שליאַך —
דאַן וועל איך מיט אייך שוין זיך קיינמאָל ניט שיידן
און ס׳וועט אין דער וועלט אייך ניט פֿעלן קיין זאַך!.

רעזיגנאַציע.

און מיר פון טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַרן ברויט —
פאַרטראַכט איך זיך אָפט וועגן לעבן און טויט . . .
ווער ווייסט, צו עס וואָלט ניט פיל גלייכער געווען
אַנטלויפן פון לעבן — „צום ניט ווידערזען" . . .

און מיר פון דעם שטענדיקן דאגה'נען נאָר —
פאַרגייען אין פוסטקייט אַ יאָר נאָך אַ יאָר . . .
וואָס גיט מיר דער פרילינג, דער זומער וואָס ברענגט? . . .
דאַן פיל איך נאָך ערגער געטראָפן, געקרענקט

און שווער איז צו לעבן אין מענטשלעכן וואַלד,
ווו ס'לויערן חיות אין מענטשן־געשטאַלט . . .
ווו ריזיקע „וועלף" האָבן קיינמאָל גענוג —
ווו ס'ווערן די „פוקסן" ניט זאַט מיט באַטרוג . . .

ווו גיפטיקע „שלאַנגען" דיר בייסן — אַ גרויל —
און נעמען דעם ביסן אַרויס דיר פון מויל . . .
ווו ס'ווימלען אין פינסטערניש „שרצים" אַ ים —
און שטעקן די לופט אָן מיט שטערבלעכן סם . . .

און גיב איך אַ טראַכט נאָר, ווי אומענדלעך ווייט,
עס ליגט אין דער אייביקייט נאָך יענע צייט,
ווען ס'וועלן די מענטשן דעם וועג יענעם גיין,
וואָס גאָט פאַר דער וועלט האָט געצייכנט אַליין —

באַהערשט מיר אַ שטאַרק רעזיגנאַציע־געפיל
און כ'גיב זיך אַ רעכנונג דאַן אָפּ אין דער שטיל:
צו איז עפּעס ווערט אַזאַ לעבן פון נויט,
אין שטענדיקן קאַמף פאַרן טרוקענעם ברויט? . . .

און מיד פון דעם טעגלעכן קאַמף פאַרן „זיין" —
פאַרגעסן זיך וואָלט איך דאַן וועלן מיט וויין . . .
און איינשלאָפן שטיל יענעם אייביקן שלאָף,
וואָס מאַכט צו דעם נישטיקן „דאָ זיין" אַ סוף . . .

פינסק, 1932 20 8

שטורם ווינטן

זיי זענען געקומען, אין איינער אַ נאַכט,
און האָבן אַ חורבן, אַ וויסטן געמאַכט . . .
דערנאָך זענען זיי ערגעץ ווייטער אַוועק
און איבערגעלאָזן פאַרוויסטונג און שרעק . . .

ביינאַכט האָבן אימה׳דיק בוימער גערוישט . . .
מסתמא האָט ערגעץ, פון לעבן אַנטוישט,
אַ מענטש זיך געהאַנגען — פון ביטערער נויט —
דאָרט ווו, אויף אַ בוידים, געפונען דעם טויט! . . .

און אפשר האָט מען ווו אַ תליה געבויט
און ס׳האָט אויף אַ מענטשן געלויערט דער טויט . . .
האָט ערגעץ אַ מענטש זיך צעוויינט אויפן קול
און איבערגעלעבט איצט דעם גאַנצן אַמאָל . . .

און, אפשר, אַ וואַנדערער, ערגעץ אין וועג,
פאַרענדיקט האָט איצט זיינע עלנטע טעג?
צי גאָר, פאזע טייך, אַ דערטרונקענער מת,
געמאָנט זיינע רעכט האָט, שוין נישט איין מעת־לעת? . . .

זיי זענען געקומען, אין איינער אַ נאַכט,
און האָבן אַ חורבן, אַ וויסטן געמאַכט . . .
און איבערגעלאָזן פאַרוויסטונג און שרעק —
זיך נוקם געווען און ווייטער אַוועק . . .

שלאָפלאָזע נעכט.

ווער רייסט אַזוי שפּעט דאָס די לאָדן ביינאַכט? . . .
ווער האָט מיט אַן עלנטן שפּאַס איצט פאַרטראַכט? . . .
עס ציט זיך די ווינטער־נאַכט גאָר אָן אַ סוף . . .
וווהין איז אַנטרונען דער טייערער שלאָף? . . .

ווו לאַכט דאָס אין ערגעץ אַ גרויזאַמער לץ? . . .
ווער האָט דאָס אין טיר דאָרט געגעבן אַ זעץ? . . .
ווער וויינט דאָס אין קוימען און יאָמערט אַזוי? . . .
וואָס וויל איצט דער האָן מיט זיין פּלוּצלינגן קריי? . . .

וואָס קריכט אַזוי לאַנגזאַם דעם זייגער'ס טיק־טיק? . . .
צו גייט ער שוין מער ניט פאָרויס, נאָר צוריק? . . .
וואָס קריכן די שעהן אַזוי ווי פון פּעך? . . .
ווער פּויקט דאָס אין דרויסן אין טאַצן פון בלעך? . . .

ווער דראַפּעט אין שטוב זיך אַרום אויף די ווענט?
ווער איז דאָרט, צו האָט איר מיין קול ניט דערקענט? . . .
עס שליסן די אויגן ניט צו זיך — אַ האָר
און בילדער פאַרגעסענע ווייזן זיך קלאָר . . .

וואָס קלינגען די גלאָקן ביינאַכט אַזוי שפּעט? . . .
וואָס איז אַזוי האַרט איצט געוואָרן מיין בעט? . . .
וואָס רוישן די בוימער אַנטקעגן מיין הויז? . . .
וואָס וויל פון מיר איצטער גראָד האָבן אַ מויז? . . .

ווער האָט דאָס מיין קאָפּ איצט געמאַכט אַזוי שווער? . . .
(ווי שטאַרק איז צום איינשלאָפן איצט מיין באַגער! . . .)
וואָס לאָזט אויס צו בוימער דער ווינט איצט זיין כעס? . . .
ווו זינגט דאָס אַ שיכּורער ערגעץ אין גאַס? . . .

ווער רייסט אַזוי שפּעט דאָס די לאָדן ביינאַכט? . . .
ווער האָט מיט אַן עלנטן שפּאַס איצט פֿאַרטראַכט? . . .
עס ציט, ווי פון פעך זיך, די נאַכט אָן אַ סוף . . .
וווּהין איז אַנטרונען דער טייערער שלאָף? . . .

פינסק, 1932 ,12 7

1934 — 1914

וואָס האָבן זיך פּלוצלינג איצט גלאָקן צעקלונגען?
וואָס האָט זיך אַזוי איצט צערודערט די גאַס?
מ׳זעט, דוכט, נישט ערגעץ, פון פייער קיין צונגען . . .
וואָס לויפן אום מענטשן, צעשראָקן און בלאַס? . . .

וואָס שטייען דאָרט רעדלעך אַזוי פיל אויף ראָגן
און זוכן, און נישטערן וואָס, אויף פּאַפּיר? . . .
וואָס רעדט מען? דער דייטש מיטן רוס גייט זיך שלאָגן?
עס האָט זיך שוין „דאָרטן״ געגעבן אַ ריר? . . .

עס יאָגן פאַרהאַוועט מיט אומרו, די באַנען:
דער צאַר האָט געחתמעט דעם קריגס־מאַניפעסט!
עס מוזן איצט מענער, פון דאָרט און פון דאַנען —
פאַרלאָזן די היים, זייער רואיקן נעסט,

עס וואָגלען אום פורלעך אויף עלנטע שליאַכן
און ס׳גייען אויף דערפער אין פלאַמען און רויך . . .
עס שלעפן זיך היימלאָזע אום מיט די זאַכן
און גלאָצן צום הימל אַרויף, אין דער הויך . . .

זינט דאַן זענען וואַסערן פיל שוין פאַרלאָפן . . .
באַצאָלט האָט דער צאַר מיט זיין לעבן און טראָן . . .
עס זיצן אין קרעמל איצט לענינס גענאָסן
און אויבן דאָרט פלאַטערט אַ בלוט־רויטע פאָן . . .

עס וואָגלט אין גלות דער דייטשישער קייזער —
אַ נישטיקער מאַלערל זיצט אויף זיין אָרט . . .
עס פאָכט מיטן שווערדל דער אכזר, דער גרויסער,
און צווינגט אויף אייראָפּאַ צו הערן זיין וואָרט! . . .

וואָס האָבן זיך גלאָקן איצט פלוצלינג צעקלונגען?
וואָס רודערט אַזוי עפּעס איצטער די גאַס?
עס גייען אין דייטשלאַנד אויף פלאַמיקע צונגען . . .
דאָס מאַלערל מיינט נישט קיין שפּאַס! . . .

אייראָפּאַ!

15 יאָר

(1934 — 1919)

אין טויזנט נײַן הונדערט און נײַנצענטן יאָר
געשען איז אַ שרעקלעכער חלום אויף וואָר:
אין פּינסק, אין דער שטאָט, בײַ דער פּינאַ וואָס שטייט —
דער טויט האָט די גרויזאַמע פליגלען פאַרשפּרייט . . .

געשען איז דאָס, נאָכדעם ווי דער אָקופּאַנט
פאַרלאָזן האָט אייליק דאָס פּוילישע לאַנד;
דאָס לאַנד, וואָס האָט דורות אין קייטן געשמאַכט,
געוועזן אונטערטעניק דער צאַרישער מאַכט . . .

און פּינסק, אָט די שטאָט בײַ דער פּינאַ וואָס שטייט,
וואָס איז דאַן פאַרחלשט געזעסן אָן ברויט,
האָט קנאַפּ וואָס געמישט זיך אויף וועלכן ס׳איז צד —
געוואַכט בלויז ס׳זאָל גיכער אַריבער דער טשאַד . . .

די דאָזיקע, רואיקע, פרידלעכע שטאָט,
וואָס איז דאַן געשטאַנען אויף הפקר׳ס באַראָט,
אין טויזנט נײַן הונדערט און נײַנצענטן יאָר,
געזען האָט דעם שרעקלעכן חלום אויף וואָר . . .

און ס׳ווייסן גוט אַלע, סײַ קינד און סײַ קייט,
פון פּינסק, פון דער שטאָט, בײַ דער פּינאַ וואָס שטייט,
וואָס ס׳האָט דאַן פּאַסירט אין דעם דאָזיקן יאָר
און מאַכט נאָך, אויך איצט, יעדן גרוילן די האָר . . .

— — — —

געבויגן די קעפּ איצט לעם קבר בײַ אייך,
מיר שטייען אין זודיקע טרערן, אַ טייך . . .

מיר זענען איצט הפקר נאָך מער אויף דער ערד
און ס׳הענגט איבער אונזערע קעפּ נאָך די שווערד!

איר האָט שוין געפּטר׳ט — טאָ ליגט זיך אין רו . . .
מיר — ווייסן נישט, וואָס עס דערוואַרט אונז און ווו . . .
מיר וועלן אייך שטענדיק, פון נאָענט און ווייט,
געדענקען צו גוטן, בײַ יעטוועדער צייט!

Now the following morning, I wonder, as I watch the sun rise in the sky,
'Bout the day I was born and of the day I will die.

I wonder, do we always get what we deserve or do we always deserve what we receive?
Is this the truth, is that a lie—Do we really know when to believe?

I wonder, will we get what we hate, or what we adore?
Only God knows, for us, what's in store.
Will there be joy or will there be sorrow?
One can only tell as the world enters tomorrow.

Glace Bay, Nova Scotia—1977

„עטרת זקנים בני בנים" (משלי יז)

THE WONDERS OF REALITY

Gary Lipschutz, age 13

I wonder as I lie in bed,
What would've happened, if I instead,
Did this instead of that and that instead of this.
I wonder, what I could have possibly missed?

I wonder, as I gaze at the shiny glittering stars,
'Bout the planets; Mercury, Saturn and Mars,
'Bout the galaxies, the universe and of what's beyond heaven above.
I wonder, do we all know the meaning of brotherhood, friendship and love?

I ofen wonder about what happened in biblical days—our well known history,
Or of a recent incident, an unsolved mystery.
Of all I desire, should I always have hope?
I wonder, should I always believe in my daily horoscope?

I wonder about the future, a lot about the past.
Did I say the right thing the day before last?
I wonder, why does this create happiness; why does that cause fear?
Should I accomplish it next week, or should I wait for next year?

I wonder, is there an answer to all the confusion;
Is the solution, of reality, or is it just another illusion?

Hungarian Czardas or a Mendelssohn Concerto. I would equally delight, all the time feigning sleep, in absorbing the stories and laughter and discussions emanating from the direction of our parlour where my father would play host to visiting friends and neighbours. I would sharpen my ears not to be remiss of any part of a juicy story . . .

The literary men and women of Pinsk would on occasion combine their talents with those of performing troupes visiting the city, and together would present an annual affair which they fondly entitled, "A Lebedige Tzeitung" or "Lively Newspaper". From the stage of Holtzman's theatre they would address themselves to the populace. It was a night when the city's literati would come out and rub shoulders with renowned Yiddish actors and actresses. They would proceed to blend their versatile talents in a never to be forgotten performance. Such an annual event would also present the reading-public with the opportunity of meeting their favorite writers and poets, as the latter would read from their works—whether in prose or poetic form.

And when my father's turn would arrive to take the spotlight, nobody in the vast assembly could have been more proud than his little son. . . His reading of his favorite poems was like magic to my ears. I remained totally entranced!

I welcome the publication of this first book and thank all those who participated in this great venture.

Noach Lipschutz

My father would assist aspiring young writers and poets to attain their desired goals. He would on many an occasion correct their works and generally put them on the right track. For such favors the family would be rewarded with cakes and pastries, delicious marmalades and confitures—and yours truly—as the only son—would be the chief beneficiary . . .

I would be awakened, and often went to bed, to the melodious tunes of my father's violin strings. It had been rumored that Dad had performed in nearby Motele's synagogue before the local Jewish inhabitants, and that he was enthusiastically applauded for his efforts. "Shtetele" Motele held the unique distinction of being the birthplace of Dr. Chaim Weizman—noted British scientist and first president of the State of Israel. The townspeople welcomed our little family to their hearts and homes after we were forced to flee from the ravages of a disastrous fire which all but consumed the greater portion of Pinsk—shortly after I was born.

Dad was an accomplished violinist and the instrument was like a balsam for his troubled soul. He was an American immigrant and emigré, a former sweat-shop worker, a soldier of the Czar, a prisoner of the Germans and a survivor of the Russian revolution. Having gone through thick and thin in a murderous age, he would find solace in his Czech violin, and the tunes he was fond of playing exemplified the best in European tradition and culture.

I simply adored my father's versatile talents, and while in the process of retiring, I would listen intensely to my father's renditions of a Roumanian Rhapsody, a

Excerpts from "My Father's House"

My father's house was not flowing with milk and honey, yet the memory of it all and the richness of the experience fill my heart to this day with a deep sense of longing.

Dad derived a meagre living initially from tending to a small bookshop within the confines of our living quarters. As he could not cope with the endless taxes, my father decided to liquidate his venture into business shortly thereafter.

I was a mere lad when Dad was approached by the Hebrew Tarbuth—Schools to teach English at both elementary and secondary levels. To supplement his income, he accepted an invitation to contribute poems and articles to the columns of local Yiddish weeklies. Subsequently he devoted the greater portion of his time to tutoring the English language, in addition to editing newspapers in our native city of Pinsk.

My father's occupations brought one in close contact with many highly cultured citizens. My father's house became the focus point and gathering place for prominent physicians, their wives and daughters—who studied English as a matter of sophistication . . . There were others who were planning to emigrate to English—speaking countries and thought it a great benefit to avail themselves of a knowledge of English. Many visitors were writers, poets, editors, intellectuals and touring Yiddish actors and actresses—who would visit my father's house and engage in literary and cultural discussions.

instrumental in arranging for our son Gershon to spend some time in a religious atomsphere in the province of Quebec.

All of these wonderful gestures on the part of a great rabbi, teacher and scholar were to me like a bright light in a long dark tunnel. Rabbi Walkin and family thus deserve my undying gratitude!

It was a great blow to our family when we learned of the sudden passing of this great man of letters and distinguished rabbi. We were simply heartbroken. But Rabbi Walkin's memory will remain with us forever—as it no doubt will endure in the memory of many thousands of other Jews who came in contact with him and who loved him dearly.

May Rabbi Samuel Walkin's great example, his words and deeds, shine in Judaism forever and ever!

Noach Lipschutz

To the Everlasting Memory of Rabbi Samuel Walkin

A Dedication

The renowned poet and scholar Mr. Chaim Leib Fuchs wrote to me in the early sixties in praise of my father's contribution to Yiddish literature. He recommended that I make every effort to have his works published in book form. I contacted various Jewish organizations to assist me with the task—this to no avail . . . It proved an exercise in futility!

Came the publication in Israel of two volumes dedicated to my native city of Pinsk—and I was surprised and delighted to see my father's contributions acknowledged in more ways than one. I then contacted Rabbi Samuel Walkin—head of the New York committee for this ambitious project. Rabbi Walkin was then one of the greatest luminaries on the American rabbinical scene. Unlike other Jewish leaders, Rabbi Walkin showed great understanding for the project under discussion. He communicated with me by return mail—and his letter was a masterpiece of Yiddish erudition. He continued writing to the family in both Hebrew and Yiddish—and he pledged his utmost co-operation in helping to bring the project to fruition.

Rabbi Samuel Walkin was true to his word! He influenced our Pinsker landsleit to help fund the project to some extent. Rabbi and Rebetzin (Tzivia) Walkin also showed our family many other kindnesses—they invited our eldest daughter Nechama to spend the Chanukah holiday with them in New York. Rabbi Walkin was also

In Appreciation

This book of poetry—the latest contribution to Yiddish literature—was made possible primarily through the indefatigable efforts of Usher Piller of Brooklyn, New York.

This young man was instrumental in organizing a book—committee whose objective was the publication of Nechemia Lipschutz' literary contributions in book form.

Others who assisted with the project, and for whom we have the greatest respect and appreciation, are (in alphabetical order):

Mendel Chernin—Sydney, N.S.
David Ein—Glace Bay
Barney and Cecelia Epstein—Los Angeles
Abraham Joachimowicz—Brooklyn
Mordechai Kolodny—New York
Shoshana Lipschutz—Glace Bay
Nechama Lipschutz—Toronto
Elana Lipschutz—Toronto
Gershon Lipschutz—Glace Bay
Pinsker Friends Committee—New York
Rabbi Aivadia Rosenberg—Brookline, Mass.
Irving Schwartz—Sydney, N.S.
Rabbi Moshe Walkin—Kew Gardens, N.Y.
Sander Zilbert—Glace Bay

The Book Committee

COPYRIGHT © 1981
by
LIPSCHUTZ BOOK COMMITTEE
NEW YORK–GLACE BAY

CHESHBON HANEFESH

(ACCOUNTING OF THE SOUL)

NECHEMIA LIPSCHUTZ

(1889-1954)

PUBLISHED BY THE
LIPSCHUTZ BOOK COMMITTEE
NEW YORK—GLACE BAY